STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02489

DOS TSVANTSIGSTE YAHRHUNDERT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Zwanzigste yahrhundert

דאס

צוואנציגסטע יאהרהונדערט

א זאממעל-בוך

פיר ליטעראטור, וויססענשאפט אונ קריטיק.

redigirt durch

רעדאגירט דורך

אברהם רייזען.

A. Reisin

הערויסגעגעבען דורך

יוסף קאפלאן.

I-טער באנד.

Warsaw

ווארשא, תר"ס.

דרוק פון האלטער עט קאמפ., נאלעווקי 7.

Дасъ Цванцигсте Іаргундертъ.

т. е. ДВАДЦАТЫЙ ВѢКЪ.

Сборникъ разныхъ литературныхъ статей, разсказовъ и стихотвореній.

Изданіе А. Рейзина и І. Каплана.

ВАРШАВА. 1900.

Типографія М. И. Гальтера и Комп., Налевки 7.

180330
3 31 13

Дозволено Цензурою
Варшава 1 Декабря 1899 года.

Y892.4
R278y
v.1
cop.1

אינהאַלט:

1) בעללעטריסטיק:

דאס נייע ליעד—אברהם רייזען 4
בילדער: I וועלכע לעבט ?
II פאָדליעץ , III שוויין,
IV עס איז דאָך ניט קיין זאָקקען
—י. ל. פרץ 5
רויך (ערצאָהלונג)
—מאַריא קאָנאָפניצקאַ 11
דאס גליקק (א מעשה)
—ה. ד. נאָמבערג 23
אלטינקע (סקיצצע)
—דוד פינסקי 31
שמאי ראטמאן (פעליעטאָן)—ל״ץ 40
אין קארלסבאד
—פ. שוויענטאָחאָווסקי 49
ירמיהו׳ס בריעף—י. ל. פרץ 58
שמעונ׳ס פאטער
—גיואי דע מאָפאסאן 60
זיך אבגענארט (סצענע)
—שלמה גראָסגליק 114
I דער פערפרוירענער טייך
II בלאטטער (פאַנטאַזיען)
—א. רייזען 120

2) פאעזיע:

מיך ציהט; די פריהלינג זונן;
לעבען...; כ׳וויים ניט וואָס האָב איך;
זעה, דער הימעל; ליכטיג אויפ׳ן
הימעל; הערבסט — א. רייזען 74
צווישען בלומען; פאָלקס מאָטיוו
—י. ל. פרץ 69
די צוויי וואַנדרער—יוסף קאפלאן 80
I מיר ברענגט נישט קיין רוה;
II נו קום שוין—ה. ד. נאָמבערג 82
דער עגל הזהב —ד. פינסקי 84
*** —יוסף קאפלאן 85
בעטלער פילאָזאָפיע—ד. פינסקי 86
שענסטע פערלען —א. ר. 86
אונזער אידעאל —י. י. פראָפוס 87
ליכט! —א. רייזען 88
עמיץ איז ביי מיר געשטאָרבען
—י. י. פראָפוס 10
פאַראַדיע —א. רייזען 22
גליק אונ רוה׳ —יוסף קאַפלאַן 27
די צייט —א. רייזען 28
כ׳בין א רעגענוואָרם—י. ל. פרץ 29
כ׳האָב געבראַכט א סחורה—א. „
עס בלייכט אויפ׳ן הימעל מיין
שטערן —ה. ד. נאָמבערג 30
בויער אונ זוהן (פאַבעל)
—קלמן רייזען 73
ווענן איך זעה׳. —א. רייזען 137
(נאָך היינע) —יוסף קאַפלאַן 140

3) קריטיק אונ ביבליאָגראַפיע

קריטיק: I ספר הברית;
II פערלאַג „עזרא"—בן־תמר 89
ביבליאגראפיע: דער יוד; די
יודישע וועלט; צוקקערמאַנס
פאָלקס-ביבליאָטעק; א. גאָסעלניקס
אויסגאַבען; יאָסעלע; די יודישע
געשיכטע —בן קלמן 121

4) פובליציסטיק:

הורמוז אונ אחרימון
—ד״ר שטיטצער 132
זשארגאן אלס נאציאנאלשפראך
מ. ראובן שטיין 108
וועגען הייגעם יובילאאום
מ. ווילנער 138

5) אַפאָריזמען אונ געדאַנקען

פון ל״ץ, א.ר., יוסף קאפלאן,
N., מ. ווילנער אונ אנדערע,

דָאס נַײֶע לִיעד.

און זָאלל װי װַײט
נָאךְ זַײן דִי צַײט
פון לִיעבֶּע און פון שָׁלום;
דָאךְ קוּממֶען װֶעט,
צִי פְרִיה, צִי שְׁפֶּעט
דִי צַײט — עֶס אִיז קֵײן חָלוֹם!
אִיךְ הֶאר דָאס לִיעד,
פון לִיעבֶּע, פְרִיעד,
דִי מֶאכְטִיגֶע גֶעזַאנְגֶען;
און יֶעדֶער טָאן
פון לִיעד זָאגְט אָן:
דִי זוּנְן אִיז אױפְגֶעגַאנְגֶען!
עֶס עֶקְט דִי נַאכְט,
דִי װֶעלְט עֶרְװַאכְט
פוּל הָאפְנוּנג, לוּסְט און שְׁטְרֶעבֶּען;
אִין זַאנְפְטֶער לוּפְט
אַ שְׁטִימֶע רוּפְט:
צוּ מוּטְה, און קְרַאפְט און לֶעבֶּען!...

אברהם רײזען.

י. ל. פרץ.

בִּילְדֶער

א) וֶועלְכֶע לֶעבְּט?

I.

דאָס שאָנסטע פֿון אללע שטיינבילדער אין גאַרטען איז וועָנוּס — דיא גריכישע גאָטטין פֿון שאָנהייט. פֿון ווייסען מאַרמאָר, אויף אַ גרינליך־בלאַנקען פּיעדעסטאַל שטעהט די שאָנע גאָטטין און קוקט מיט איהרע פֿריי־אָפֿפֿענע אויגען אויפ'ן קלאָמב פֿון פֿרישע רויזען און ליליען.

אין דער אַללע בעוויזט זיך אַ נייַנצעהן־יאָהריג יונג מאָרכען, איהר געזיכט שטראַהלט מיט פֿרייד, די אויגען שפּריצען מיט פֿרישען געזונדען לעבען, זי געהט צו צו וועָנוּס.

מוטהווילליג שפּרינגט זי אַרויף אויפ'ן פּיעדעסטאַל — זי איז איין גרייס מיט דער גאָטטין.

דאָס פֿרייט זי; זי נעמט אַרום מיט דער אַלבאַסטער־האַנד דען מאַרמאָרענען גאָטליכען האַלז, און לעגט צו איהרע פֿרישע קרעללענע ליפּפּען צו די גאָטליכע.

אזוי שטעהט זי אַ ווייל. און ווער עס געהט דורך פֿרעגט זיך:

— וועלכע לעבט? צי די פֿון שטיין, צי די פֿון פֿלייש?

II.

אונטער אַ דיקקע בלאַנקע שויב, אין אויסשטעללונג פֿון אַ מאָדע־מאַגאַזין, שטעהט אַ שאָנהייט, בעהאָנגען מיט מאָדע־

זאַכֿען, נור אויסגעקלעֶבט פֿון וואַקס.

דיא ליפּפּען זעֶננען אוננאַטירליך רויט, ווי ערשט פֿריש און צו פֿיעל געפֿאַרבט; דאָס געזיכֿט איז געֶלבליך-מאַטט, און די ברייט-געעֶפֿענטע אויגען — שטאַאַר, אָהן אַ בליק; אַם שרעֶקליכֿסטען זעֶננען די ברעמען: אַ רייהע פֿון שטייפֿע האָאָר, וואָס שטעֶהען איינס ווייט פֿון צווייטען...

איננערוועֶנדיג, אין האַלב-פֿעֶרטונקעֶלטען לאַדען קויפֿען דאַמען אַללערליי באַנדער.

— פֿריילין, מאַכט די דיקקע מאַדאַם צום לאַדען-מאַרכֿען, געמען זי נאָך אַרוים די קאַרמין-באַנדער פֿון דער אויסשטעֶללונג.

דאָס מאַרכֿען פֿאָלגט.

איהר גאַנג איז מיעד און וואַקעֶלדיג; מיט אַנשטרעֶנגונג אָפּפּענט זי ברייט די רויטליכע אויגען, זי זאָל נישט איינשלאָפֿען אינ'ם גאַנג, דאָס געזיכט איז שאָן, נור מאַטט, געֶלב און אָבגעֶלעבט; די ליפּפּען זעֶננען רויט, נור, קאָנטליך, פֿריש געפֿאַרבט.

זי אָפּפּענט דאָס פֿענסטער, בייגט זיך איבער דאָס וואַקסענע בילד און זוכֿט די באַנדער. זוכֿענדיג, פֿעֶרטראַכֿט זי זיך, און פֿעֶרקוקט זיך אויף גאַר נישט...

אַזוי שטעֶהט זי אַ ווייל. און ווער עֶס געֶהט דורך אין גאַסס פֿראַגט זיך:

— וועלכע לעבט? די פֿון וואַקס, צי די פֿון פֿלייש?

ג) פּאַדלֶיעץ.

I.

אַ רייכֿער מאַנן פֿאָהרט דורך אויף אַ דראָשקע און בעמערקט אַ בעטלער, וואָס שטעהט אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנד. עֶס איז קאַלט און פֿייכֿט. גאַנץ ווייס, ווי לאַנג דער בעטלער שטעֶהט שוין און וואַרט אויף אַ נְדָבָה. דער רייכֿער מאַנן קריגט רַחֲמָנות, חאַפּט

אַרויס דען געלד־בייטעל אונ וואַרפט דעם בעטלער אַ זילבערן צעהנ־
קאָפּעקען שטיק.

דער בעטלער קוקט אויפ'ן אָרט, וואו די מאָנעטע איז
געפאַללען אונ ריהרט זיך נישט פון אָרט. דער רייכער מאנן בע־
מערקט עס.

— עס איז איהם וועניג — טראַכט ער — פאַרליעץ!...

II.

די דראָשקע איז פאַרביי אונ דער בעטלער זעצט זיך
קראָכצענדיג אויפ'ן טראָטואַר.

עס איז פייכט אונ קאַלט, אונ איהם ברעכען די ביינער; די
פיס זעננען ווי פערשטאַארט... גאָטט ווייס, ווי אַזוי ער וועט היינט
אַהיים קוממען; זיי פאָלגען נישט, די הילצערנע פיס. זיטצענדיג,
קאָנן ער אויך צו דער מאָנעטע נישט דערלאַנגען, ער ציהט זיך אין
גאַנצען אויס אונ שטרעקט אויס די האָנד... קוים, קוים!

ער האָט זי! ער נעמט זי צו די אויגען אונ שרייט אויס:

— פאַרליעץ!

זי איז פאַלש געוועזען!..

ג). שוויין.

אויף אַ גאָלד געשטיקטער סאָפע ליעגט אַ בלאַססע דאַמע
אין אַ העלל זיידען קלייד.

דורך די שווערע גאַרדינען פאַלט אַ מאַטטער שיין אויף איהרע
קליינע שמאָלע ליפּען, וואָס קרומען זיך אויף אַ שווערען זיפץ. אין
די טיעפע בלאָהע אויגען בעווייזען זיך טרערען...

עס איז איהר נישט גוט... נישט דאָס האָט זי געמיינט!

ליעבע האָט זי געוואָלט, אידעאַלען האָט זי געזוכט... און ער גיבט איהר בריליאַנטען און פּאַלאַצען...

פון פּאַראַדען רעדט ער מיט איהר, פון געלד־וואָגען...

קיינער פערשטעהט זי נישט; נישט ער, דער מאַנן, נישט זיינע, נישט איהרע געסט...

און דאָס האַרץ איהר'ס באַנקט, עס קלעמט; עס פיהלט זיך פרעמד אין דער וועלט פון געלד, פון זילבער, גאָלד און בריליאַנטען... עס רייסט זיך צו אידעאַלען, צו... צו... צו...

עס איז איהר ווירקליך נישט גוט.

זי שטרעקט אויס די ווייסע בלאַנקע האַנד, און ריהרט דאָס גלאָקעל אויפ'ן טיש צוקאָפּענס.

עס בעווייזט זיך דאָס שטובען־מאָדכען.

— א טאַססע קאַפּפעע! בעפעהלט די דאַמע.

און דאָס מאָדכען פערשווינדט און קומט צוריק מיט א חינעזיש פאָרצעלאַנענער טאַססע אויף א שווער זילבערנער טאַץ. דער פיינער גערוך פון בעסטען קאַפּפעע מישט זיך אויס מיט'ן לייכטען פּאַצינטען־גערוך אין צימער.

געהענדיג צו דער סאָפע, פערציעפּעט זיך דאָס שטובען־מאָדכען אין א פערבויגענעם עקק פון טירקישען דיוואַן און פאַלט.

עס הערט זיך א געקלאַנג פון דער געפאַללענער זילבערנער טאַץ און דער פּלאַצענדער טאַססע.

— שוויין! שפּרינגט אויף און רופט אויס די דאַמע.

ג) עס איז דאָך נישט קיין זאָקקען!

אין זאָקקען־פאַבריק.

עס קומט אַריין א מאָדכען מיט א טוץ אויסגעאַרבייטע וואָלענע זאָקקען, און געהט צו צום אַלטען הערר.

ער וואַרפט א בליק אויף דער סחורה און ווייזט איהר מיט'ן

פינגער צום יונגען הערר.

זי געהט לויט מען ווייזט איהר.

דער יונגער הערר נעמט די זאקקען אין האנד אריין — געניג ווייך. דערנאך לעגט ער זיי אויף דער וואג, — זיי האלטען אויס. דערנאך נעמט ער א מאס און מעסט די לענג, די ראנד און דען פוסבאללען — — גוט.

דאס מאדכען אטהעמט אב, און שטרעקט אויס די האנד נאך געלד.

— ווארט א ווילע, מאכט דער „יונגער הערר". ער נעמט פון טיש א פערגרעססער־גלאז, ווישט עס אויס און בעטראכט די ארבייט.

נאך א לאנג בעטראכטען, זאגט ער גלייכגילטיג, נור פעסט:

— עטליכע פעדים איבערגעהאקט — דריי אויגען נאכגעלאזט...

— אבער... ווילל זי זיך פערטהיידיגען.

— קיין אבער! האקט איבער דער יונגער הערר, און ווייזט איהר מיט'ן פינגער צו דער קאססע, —

די טהיר עפענט זיך ווייטער, און עס בעווייזט זיך א לאכענדיג געלב־יודעל.

— גוט מארגען!

— גוט יאהר, ענטפערט דער אלטער הערר, ביטטע!

דאס געלע יודעל געהט צו צום אלטען, זעטצט זיך ביי'ם טיש:

— דאס איז מיין זאהן! ווייזט ער אויפ'ן יונגען מיט שטאלץ.

— א סוחר! — גיבט ער צו — און נאך ווי הייסט א סוחר!

— נו, איז גוט! ענטפערט דאס געלע יודעל, — א סוחר דארף געלד!

— געלד! ציהט דער אלטער מיט די אקסעל.

— 15־טויזענד אין באאר!

— נור איין פום א ביסעל קירצער — מישט זיך דער יונגער הערר אריין מיט איין אונמוטהיגען שמייכעל.

— מען זעהט קוים אן! מאכט דער שדכן.

— אָבער קירצער איז ער !

— נו , — מאַכט דער אַלטער , — אַ כלה איז דאָך גישט קיין שקאָק ! מען קוקט נישט אויף קיין פערגרעססער־גלאָז !

*   *
*

עֶמִיץ אִיז בַּיי מִיר גֶעשְׁטָארְבֶּען —,
קוּמְמְט־זְשֶׁע, בְּרִידֶער, עֶס בֶּעגְרָאבֶּען.
יָא בֶּעגְרָאבֶּען — וַוייל אוֹיף אֵייבִּיג
וֶועל אִיךְ שׁוֹין דָאס מֶעהר נִיט הָאבֶּען.

לָאמִיר אוֹיסְגְרָאבֶּען אַ קֶבֶר,
אִין אַנְ'אָרוֹן אַרַיין לֵייגֶען
אוּנ עֶס אָנְטְהוּן אִין תַּכְרִיכִים
לֵייגֶען שַׁארְבֶּענְס אוֹיף דִי אוֹיגֶען.

אוּנ פֶערְשִׁיטֶען אוּנ פֶערְקְלַאפֶּען
אוּנ אַ קַדִישׁ נָאךְ אִיהם זָאגֶען,
אוּנ אַ לֶאמְפֶּעלֶע אָנְצִינְדֶען
זִיצְצֶען „שִׁבְעָה", וַויינֶען, קְלָאגֶען...

אוֹיפְ'ן קֶבֶר לָאמִיר לֵייגֶען
בִּינְד זִכְרוֹנוֹת פוּן פֶערְצַייטֶען...
אוּנ בֶּעקְרֵיינֶען אוּנ בֶּעקְרֶאנְצֶען
עֶס מִיט בְּלוּמֶען בַּיי דִי זַייטֶען;

אוּנ אוֹיךְ שְׁטֶעלֶען אַ מַצֵבָה
אוֹיסְגֶעהַאקְט דֶעם נָאמֶען אוֹיבֶּען,
אַז בֶּעגְרָאבֶּען דָא בֶּעהַאלְטֶען
לִיעגְט מַיין אָבְּגֶעלֶעבְּטֶער גְלוֹיבֶּען:..

י. י. פראפוס

רויך
פון
מַאַרְיַא קָאנָאפְּנִיצְקַא

ווענן זי האָט געקוקט אין פּענסטער אריין, האָט זי געזעהען, ווי פון גרויסען פאַבריק-קוימען יאָגט אַרויס אַ סלופּ רויך. נישט איין מאָל פלעגט זי אַמישנע אָבּרייסען איהרע אַלטע אויגען פון דער אַרבּייט, איין אויג צו וואַרפען אויפ'ן רויכיגען סלופּ. אין איהר בּליק האָט דעמאָלס געשטעקט אַ וואונדערליך נחת, כּמעט אַ ליעבּשאַפט. מענשען געהען און געהען פאָרבּיי און איילען זיך אין פערשיעדענע זייטען, זעלטען עמיץ זאָלל וואַרפען איין אויג אין דער הויך צום קוימען פון פאַבּריק, נאָך זעלטענער — עמיץ זאָלל קוקען אויף דער בּלאָער פאַסמע רויך. פאַר איהר אָבּער האָט דער רויך געהאַט גאָר איין אַנדערע בּעדייטונג; ער האָט מיט איהר געשמיעסט, זי האָט איהן פערשטאַנען; פאַר איהר איז ער געוועזען אַ לעבּענדיגע זאַך.

פריה מאָרגען, ווען אויפ'ן הימעל, וואָס האָט זיך געאָנדערט פון מאָרגען-רויט, האָט זיך דער רויך געלעגט אין שוואַרצע קיילעכדיגע רינגען, און צוטראָגען אַ שאַרפען, בּייסענדיגען ריח פון רים (סאַזשע), האָט זי געוויסט, אַז איהר געוואַקסענער, שלאַנקער, געשיקטער מאַרציש, אין דער גראַנאַטינער לייגוואַנטינער בּלוזע, אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ לעדערנעם פאַסס, מיט אַ לייכט היטעל אויף די העללע האָאָר, מיט אַ בּרייט אויסגעלעגטען קראַגען (קאָלנער) בּיי'ם האַלז — אַז איהר מאַרציש שטעהט אין קעסלעריי בּיי דעם אויבען, ער מאַכט פייער, דערלעגט עס און זעהט, עס זאָלל זיין אַלץ אין דער מאַסס.

— אָ, הָ! — שמייכעלט זי שטילל, — מאַרציש „פּאַסיווּיט".

דאָס האָט ער ווירקליך געטהון; מיט האַסט שיטט ער אַרויף די קוילען, איין קאָרב נאָך דעם צווייטען, און אַרבּייט פאַר זיך

און פֿאַר דעם הייצער, מיט אַ שטאָלץ פֿון איין ערשט געוואָרענעם קעססעלמאַן. און גלייך מיט דעם גרויסען העללען פֿלאַם, רייסען זיך איהם אַרויס די ליעדער, מיט וועלכע די קעסלעריי איז פֿולל פֿון פֿריה מאָרגען ביז נאַכט.

די שוואַרצע, צוזאַממען געפֿלאָכטענע פאַססען רויך ווערען העללער, ווייסער, צעררינען זיך און ווערען אַלס לייכטער, און זיי העבען זיך אויף ביז אין בלאָעם הימעל אריין, ווי אַ לייכטע גלייכע זייל.

דעמאָלס ווערט זי רוהיגער און פֿריילכער:

— ס'געהט גוט, ס'געהט גוט — גאָטט זיי דאַנק!

און זי הייבט זיך אָן צו פֿאָרען אין איהר קליין שטיבעל. זי פֿערבעטט איהר בעטט, דעם זוהנ'ס באַנק-בעטטעל, קעהרט אויס, ווישט איבער און מאַכט פֿייער אויף מיטטאָג.

געגענאיבער דעם ריזענ-קוימען פֿון פֿאַבריק מיט דער פֿאַללער טראָלב רויך, הייבט זיך אויף אַ בלאַהליך-פֿאַסמע'לע רויך איבער דעם דאַך פֿון דער פֿאַציאַטטע, וואו די אַלמנה וואָהנט; די פֿאַסמע איז דינן און שוואַך, ווי דער אָטהעם פֿון דער אַלטער ברוסט ביי'ם קוימען.

נור דער יונגער קעססעלמאַנן האָט איהן באַלד בעמערקט און צו דעם אָרימען רויך געשמייכעלט. ער ווייס, אז דאָרט, ביי דעם קוימען, שטעהט אַ צינד זיין אַלטע מוטטער אין אַ ווייסען ציעפֿיק אויפ'ן קאָפּף, אין אַ קאַפֿטאַן אַרומגענוממען מיט אַ רויט פֿאַרטוך; זי שטעהט איינגעשרימפען, איינגעבויגען און קאָכט פֿאַר איהם איין אויסגעצייכענטען באָרשט, אָדער אַ זעלטענען קרופניק. טהייל מאָל פֿלעגט זיך איהם דאַכטען, אז ער פֿיהלט פֿון וויטען דען ריח פֿון די זעלטענע מאַכלים.

און דעמאָלס וואַרפֿט ער, גאָר מיט אַ פֿרישען חשק, אַ נייע שופֿלע קוילען. און בשעת דער הייצער קראַצט זיך אין קאָפּף, שטעהט ער געשיקט און לעבענדיג אויף דער אונטער-מויער, און אַרבייט פֿאַר צוויי.

און אזוי געהען אין הימעל אריין בײדע אָטעם: פון פאַבריק און פון דער פאַציאַטע, און פערליערען זיך, און טרעפּפען זיך, און פעראייניגען זיך אין דער בלאָער הייך.

מיטטאָג צייט ווערט דער פאַבריק־רויך אביסעל שוואַכער; די אונגעהייערע מאַשינען־לינגען אָטמען אביסעל לייכטער, די ארוים געלזאָטע פאַרע שניידט איין מאָל און דאָס צווייטע דורך די לופּט מיט אַרייסענדיגען פייף און מאַרציש קומט שוואַרץ ווי אַ קאָהל אין שטוב אַריין.

— מאַמע, עססען! — רופּט ער נאָך אויף דער שוועלל, און, וואַרפענדיג דאָס היטעל אויף דעם טיש, לויפט ער צו צום קאָס *) אין שטייג, וואָס העֶנגט ביי׳ם פענסטערעל. דער קאָס, קוים ער דערזעהט איהם, לאָזט ער אַרויס אַ לאַנגען פייף, וואָס איז אָהנליך צו דעם פייפען פון דער פאַבריק, דערנאָך הייבט ער אָן זינגען זיינע אייגענע זאַכען, וואָס מאַרציש האָט איהם אויסגעלערנט.

מאַרציש שטעהט מיט די האַנד אין די טאַשען און פייפט מיט, אז עס הילכט.

די מוטטער גרייט דערווייל צום טיש, זי לעגט אַ שיינע געלע סערוועט, אויסגעאַרבייט מיט בלאָע הירשען, און שטעלט אַרויף אַ טיעפע פאַיאַנסענע וואַזע מיט קרופּניק, באָרשט, איין אַרבייס־זופּ מיט געראויכערט־פלייש, אָדער איין איינבּרענען, ווי עס קומט אוים. און דערנעבען שטאַלציערט דער עיקר־מאכל — אַ גרויס לעבעל ברויט.

קוים רוקט זיך מאַרציש צו צום טיש, פערשווינדט באַלד אַ האַלב ברויט, פאַססענגווייז שניידט ער אוים, טונקט אין זאַלץ און זאָגט:

— גוט־ברויט, מאַמע.

— גוט־ברויט, זוהן מיינער; זאָלל דיר זיין צו געזונד, אָנטפערט די אַלטע.

*) אזא מין פויגעל.

מאַרציש לאָזט זיך נישט בעטען, און מיט דעם ברויט צוזאַממען, פערשווינדט אַלס, וואָס איז דאָ אין שיססעל.

— אַ וואוהלער קרופּניק, מאַמע.

די מוטטער עסט שוין פון עטליכע מינוט, וואָס אַמאָל לאַנג-זאַממער, זי בלאָזט אויף דער שיססעל, מישט מיט דעם לעפּפעל, און עס ווערט אַלס נישט ווייניגער. אַז מאַרציש איז מיט זיינעם פערטיג, און ווישט זיך די ליפּען מיט די קוים שפּראָצענדיגע וואָנסען, פראָגט זי:

— אפשר, זוהנ-לעב, נאָך אביסל? הע? מיר עפּיס...

זי וויל איהם געבען צו פערשטעהן אַז איהר שמעקט ער נישט אַזוי, נור זי ענדיגט נישט, זי פאָרכט זיך פאַר גאָטט אַליגען' צו זאָגען, — דאָס עססען איז אויסגעצייכענט.

— אַ נאָ, מאַכט מאַרציש, אַז די מאַמע עסט נישט...

זי רוקט געשווינד איהם צו איהר שיססעל:

— עסס, קינד מיינס, עסס, צו געזונד, צו לעבען און צו לויבען זיין ליעבען נאָמען.

מאַרציש נעמט זיך צו דער שיססעל אויף זיין אופן.

— וואָס די מאַמע וויל האָבען פון דעם באָרשטש? אַ מאכל-מלכים!

— ער וואָלט געוועזען, — שמייכעלט די אַלטע און פינטעלט מיט די אויגען, נור עס האָט מיר לאָבערבלאָטטער פערפּעהלט.

טהייל מאָל האָט מ אַ ר צ י ש זיין גאַנצען צולאָג נישט אויפגעגעסען, דעמאָלס האָט זי די רעשט, ער זאָלל נישט בעמערקען, איבערגעגאָססען אין איין ערדערען ריינדיל און געשטעלט אויפ'ן קוימען.

דאָס האָט זי שוין געהאַלטען פאַר איהר אייגענס, און אַז מ אַ ר צ י ש איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זי עס אויפגעגעססען, צעקייענדיג דאָס רעשטיל ברויט.

דאָס מיטטאָג געהט פיעל פון בויגען. מאַרציש, וועלכען עמיץ פערטרעט אין דער צייט, מוס זיך איילען. ער קושט שוין דער

מוטטער אין דער אויסגעדאַרטער האַנד, חאַפּט דאָס היטטעל, געזעגענט זיך מיט אַ פֿייף מיט'ן קאָם, אונ איז מיט דריי שפּרונג אַראָב פֿון די טרעפּליך פֿון פּאַציאַטע.

די אַלמָנה שטעהט מיט דער צונויף־גענוממענער סערוועט אין דער האַנד אונ הערט זיך איין צו זיינע איילענדיגע טריטט. זאָרג אונ נַחת מישען זיך איהר אוים אויף דעם אַלטען פָּנים:

— גאָטט, גאָטט, ווי דאָס לויפֿט! מען קאָן, חלילה, אַ פוס צובּרעכען, אַ טרעפּ דורכברעכען.

אונ אַזוי האָרט זי זיך איין ביז עס פֿערמאַכט זיך צוריק די הויזטהיר אונ דאָס זעצען פֿון די יונגע פֿיס דונערט נישט מעהר אַ דורך. דעמאָלם ערשט לעגט זי אַוועק דאָס טישטוך, וואַשט אָב דאָס געפֿאָסס, פֿערשאַרט דאָס פֿייער אויפֿ'ן קוימען מיט אַש, אונ זעצט זיך ביי דעם פֿענסטערל צו פֿערריכטען דעם זוהן'ס קליידער אונ גראָט.

זוממער צייט קאָנן זי נאָך גאַנץ לאַנג זעהען דעם רויך, וואָס טרייבט פֿון קוימען פֿון דער פֿאַבריק; טהיילמאָל פֿערקוקט זי זיך אַזוי לאַנג, אַז די אַרבייט פֿאַלט איהר פֿון די האָנד אַרוים...

דאָ וויקעלט ער זיך אַרוים פֿון זיינע אייגענע רינגען, ווי איין אייזערנע שלאַנג, ווייטער, ווייטער אונ האָכער; דאָ ציהט ער זיך אוים אין דער לופֿט ווי אַ לייכטע העללע גאַזע אונ צושלאָגט זיך אין לייכטערע, רויטליכערע נעפּעל; דאָ הייבט ער זיך ווייטער גלייך אַרויף אין דער הויך אין ווייסע בופֿפֿען, דאָ, — ווי אַ ריזיגע גאָלדענע זייל נעגען דער זונן אונ לעגט זיך אויפֿ'ן ווינד, — דאָ ווייטער בעקוממט ער אַללערליי ווינדערליכע פֿאָרמען, חיות, ציי רוחות...

טהייל מאָל בלאָזט איהם אויף דער ווינד ווי אַ פּאַרוס פֿון אַ גרויסער שיף, טהייל מאָל צעררייסט ער איהם אויף שטיקער ווי שמאַטעס, טהייל מאָל צעריאָגט ער איהם ווי אַ שוואַרצליכען נעפּעל, אונ, אַז עס מאַכט זיך רעגענוועטטער, שטעלט זיך דער רויך איבער'ן קוימען, ווי אַ שווערער וואָלקען, העננט זיך אָן

שטיקקער־ווייז אָן די דאַכער, שלאָגט אָן די ערד, און ווייס זיך נישט, וואו אהין צו טהון.

ווינטער צייט, צינדט אָן די אַלמנה אַלאָמפּיל ביי דעם קוימען, שטריקט דערביי גראָבע זאָקקען צו פערקויפען; און האָטש עס בלאָזט שטאַרק ביי'ם פענסטער, און דער ווינד יאָגט אַזש אין שטוב אריין, האַלט זיך די אַלטע נישט איין, און געהט אַללע מאָל צו א קוק געבען אויף דער פאַבריק.

זי ברענגט געגענאיבער דער פאַציאַטע מיט דער לאַנגער שורה בליצענדע פענסטער, זי זעצט אַרום דעם אָטהעם פון איהרע ריזען־לינגען, קלינגט מיט איהר אייזענוואַרג, דוננערט מיט איהרע האַממערען, קריצט מיט די זעגען ציין, צישט מיט די מאַססען גוסס — און דער רויך אונטער'ן גראַנאַטענעם הימעל זעצט אַרום פלאַמענדיג, ער שיט מיט פייער, שיעסט מיט גאַנצע בוכטען פונקען ווי ראַקעטען.

א ברייטער פייער־שיין שלאָגט זיך אָב אויפ'ן הימעל, און ציהט זיך אַלץ ברייטער און ברייטער.

די אַלטע קוקט דערויף פערטראַכט.

עס וועקט דער קאָס מיט פייפען; איהם וועקט דער פלאַם פון פאַבריק, וואָס שלאָגט אין פענסטערעל אַריין.

אין שטיבעל ווערט פרייליכער, דאָס פייער קנאַקט אויפ'ן קוימען, דער קאָס רייסט זיך צום פערהיללעכט ווערען, און אז די לבנה שיינט אויף, צושווימט די גאַנצע ערשיינונג אין דער נעץ פון איהרע זילבערנע שטראַהלען.

ערשט שפּעט אָבענד קומט מאַרציש צוריק און רופט באַלד אויף דער שוועלל:

— מאַמע, עססען!

און צוזאַמען מיט דער יונגער שטאַרקער געשטאַלט קוממט אין שטוב אַריין פרייליכקייט, געזאַנג און רחבות...

ער איילט זיך שוין נישט אַזוי מיט דעם עססען, דערנאָך רעדט ער און פערציילט דאָס און יענס, וועגען וואָס די מוטטער

פֿראָגט איהם. דערנאָך הייבט ער אָן גענעצען, ציהען זיך...

אַפילו דער קאָס ווילט איהם נישט אַצינד.

— שלאָפֿען, זוהנעניא, שלאָפֿען, — זאָגט די מוטטער און גלעט איהם איבער'ן קאָפּף, — דאַרפסט פאַר טאָג, נעביך, אויפשטעהען.

— איך געה, מאַמע, אָנטפֿערט ער שלאָפֿעדיג, ד'בין שרעקליך מיעד.

ער שלאָפֿט איין געשווינד. איבער דער שטוב האָרט זיך גלייך זיין טיעף־אָטמען... די מוטטער פֿערלעשט דאָס לאָמפּיל, דער קאָס הערט אויף צו קלאַפּערען אין שטייג, און לעגט זיך אויך, — עס ווערט שטילל.

מיט דעם וועקקען איז שווער צו געגאַנגען.

די אַלְמָנָה שלאָפֿט שוואַך ווי אויפהאָרכענדיג און קורץ ווי אויף דער אָלטער, פאַר'ן לאַנגען איינשלאָפֿען אויף אייביג. זי חאַפּט זיך אויף נאָך דעם צווייטען קרייען, א סך פֿריהער פאַר דעם ערשטען פֿייף פון פֿאַבריק. זי קריכט אראָב פון בעט און נעמט באַלד אָנגרייטען איין אָנבייסען פאַר'ן זוהן.

אין פֿענסטערעל שטעהט דער גרויסער, שטיללער מאָרגען־שטערן און לייכט אויף מאַרציש'ס שלאָפֿענדיגע געזיכט. די מוטטער וואַרפֿט אויף איהם וואָס אַ מאָל איהר בליק. זי וואָלט איהם וועקקען, נור דער איינציגער זוהן שלאָפֿט אַזוי האַרט.

— עט — רעט זי זיך — זאָלל ער נאָך אַ רֶגַע'לע רוהען.

נור ערשט, אז עס צערלייגט זיך דער דורכדרינגענדער פֿייף פֿון דער פֿריי געלאָזטער פאַרע, רופֿט זי:

— מאַרציש, אַ, מאַרציש, שטעה אויף, זוהנעניא, עס פֿייפֿט!

ער דרעהט זיך ווידער צו דער וואַנד.

— דאָס איז דער קאָס, מאַמע.

— נישט דער קאָס, זוהנעניא, אין פֿאַבריק.

עֶר ציהט זיך אויס, דעָקט זיך איבער'ן קאָפּף, נור די מוטטער טרעָט נישט אָב. די נאַכט דיזיור האָט זיך געענדיגט, אונ דעָר קעָססעָלמאַן דארף זיך שטעָללען פריהעָר פאַר דעָם אַרבייטעָר. אזוי געָהט עָס צו טאָג טאָגליך, זונטאָג אויך.

נור איין מאָל האָט זיך מאַרציש אויפגעָהאַפּט, נאָך לאַנג פאַר טאָג מיט אַ געשריי פון שלאָף אונ האָט זיך אויפגעזעָצט אויפ'ן געלעָגער.

די מוטטער לויפט צו.

וואָס איז? וואָס איז דיר, קינד מיינס? — פראָגט זי מיט זאָרג אונ שרעָק.

עָר אָנטפעָרט נישט. ער קוקט אויף איהר מיט גרוים געאָפּעָנטע אויגען, די ליפּפען ציטטעָרען, דער שטעָרען איז אין קאַלטעָן שוויים; דאָס אָפּפּעָנע העָמד אויף דער ברוסט בעוועָגט זיך אויף אונ אָב פון הויבען הארץ־קלאַפּעָן.

ער נעהמט זי אַרום.

— וואָס איז דיר, קינד מיינס? זוהנעָניאָ, וואָס איז דיר? — פראָגט זי איהם אונ טוליעָט איהם צו זיך ווי אַ קליין קינד.

עס דויעָרט איידער עָר בערוהיגט זיך.

— גאָר נישט, מאַמעָ, — אָנטפעָרט עָר —, גאָר נישט, נור — עס האָט זיך מיר געָחלו'מט, אַז אַ דוננעָר האָט אין מיר איינגעשלאָגען.

די מוטטער בלייבט שטעָהן דעָרשלאָגען, די שטימעָ שטעָקט איהר אין דער קעָהל.

עָר זיצט אויפ'ן געלעָגער פערשטאַרט גלייך אונ גלאָצט מיט שרעָקיגעָ אויגען.

— אַ דוננעָר, מאַמע, — זאָגט ער מיט אַ שטיללער אָבגעריססענער שטימע, אזא רויטער, שרעקליכער שטיק פייעָר איז מיר געפאַללען אויף דער ברוסט, אזאַ רויטער שרעָקליכער!

ער פערשוויינט אונ אָטעָמט שווער.

די מוטטער קוממט צו זיך.

— אָח, קינד, וואָס! — זאָגט זי און גלעט זיין פלאַממענדיג פּנים, נישט נשעטווינגען, נישט געפלוינען... אַ חלום איז אַ נאַרר.

נור, אַז זי דערהערט, ווי עס קלאַפּען ביי איהם די צאָהן, זעצט זי זיך נעבען איהם, דריקט צו זיין הייססען קאָפּף צו דער דאַרער ברוסט, און וויעגט איהם גלייך ער וואָלט אַ וויעגעלקינד געוועזן.

מאַרציש בערוהיגט זיך, קוממט צו זיך און פאַלט צוריק אויפ׳ן קישען.

— געה שוין, מאַמע, געה, — זאָגט ער, — זאָל זיך די מאַמע לעגען, איך וויל איינשלאָפען.

איינגעשלאָפען איז ער דאָך נישט, ער ליעגט מיט ברייט געאָפענטע אויגען פערקוקט אויף די שטערען, וואָס פערלעשען זיך אין מזרח היממעל.

— פאַר וואָס שלאָפסט דו נישט איין, קינד? פרעגט זי.

— איך קאָן נישט, מאַמע, — אָנטפערט ער שטילל, ווי קלאָגענדיג זיך פאַר איהר.

זי זעצט זיך צוריק צו איהם.

— שרעק דיך נישט, זוהנעלע, בערוהיגט זי איהם, — האָב נאָר קיין מורא נישט... צי אויף דעם האַלט דער רחמנות׳דיגער גאָטט די דוננערען אין היממעל, ער זאָל דער אָרימער אלמנה׳ס איינציגען זוהן דערשלאָגען? נאַרעלע! — איך וויים, וואָס דער חלום בעדייט, איך קאָן פּותר־חלום זיין... אַ דוננער אין חלום איז אַ חתונה, מענשען וויסען.

זי זאָגט עס מיט אַ שמייכעל, כמעט פריילין, און ווישט איהם מיט דער דאַרער האַנד דעם נאַססען שטערן, גלעט איהם די האָאר; איהרע ווערטער, דער כמעט פרייליכער טאָן ווירקען, מאַרציש בערוהיגט זיך און שמייכעלט:

— אַ חתונה, זאָגסט דו, אַ חתונה?

— געוויסס, אַ פרייליכע, לוסטיגע הוליאדיגע חתונה?

— איך וויל שוין אויפשטעהען, מאַמע.

— שטעה אויף, שטעה אויף, קינד מיינס, איך וועל אָנבייסען מאַכען; וועסט דיך איבערקייען, וועט דיר גאָר אַנדערש זיין; עס וועט דיר אַוועק נעמען, ווי מיט דער האַנד.

עס איז מאַי געוועזען, עס איז אַפילו דעם מאָרגען פריילינער געוועזען אין שטוב, ווי אַללע מאָל, מאַרציש האָט זיך געדאַרפט איילען, אונ האָט געפּייפט מיט'ן קאָפּ איין ליעדעל נאָך'ן צווייטען, אַז דער קאָפּ איז אַזש הייזעריג געוואָרען, אונ אַז עס איז געקוממען צום ליעד, אין וועלכען עס האָט זיך אַ מיידעל יאָגדעם פערגלוסט, האָט ער שוין אַזוי טרויריג געפּיפען, ווי עמיץ זינגט אונטער דער נאָז, מאַרציש האָט זיך צו לאַכט, די מוטטער אויך, אונ זיי האָבען זיך פריילינך געזעגענט.

אַז מאַרציש איז אַרויס געגאַנגען, האָט זיך די מוטטער געשטעלט ביי דער טהיר אונ האָט זיך איינגעהערט צו זיינע טריטט, וואָס האָבען זיך אַלס מעהר דערוויטערט.

זיי זעננען געוועזען לייכט, געשיקט אונ פריי, — יונגע פיס, אַפילו די אויסגעקרימטע פוילע טרעפּ האָבען היינט ניט געסקריפּעט, ווי געוואָהנליך. ערשט אַז מאַרציש האָט אונטער זיך די טהיר פערמאַכט, האָט זיך אין איהר אַוואָרף געטהון דאָס האַרץ מיט עפּיס אַ פּלוצלינגער שרעקק. דאָס קול פון זיינע טריטט איז געוועזען הויל, ווי פון אונטער דער ערד, אונ האָט זיך שרעקליך אָבגעשלאָגען מיט אַ ווידער־קול אין פאָדער הויז.

די איז צו געלאָפען צו דעם פענסטער זעהען, וואו ער געהט.

ער איז געגאַנגען לייכט, געשווינד, אונ ביי'ם אַריינגאַנג אין דעם טהויער פון דער פאַבריק, האָט ער זיך אומגעקוקט. צי האָט ער אַבליק געוואָרפען צו'ם פענסטערעל, צי גלאַט אַזוי זיך אומגעקוקט?

אין אַ מינוט שפּעטער האָט שוין פון פאַבריק־קוימען געוועצט אַ שוואַרצער רויך.

די שטאַנדען שווימען אָב.

אין ריין-אויפגערוימטען שטיבעל איז שטילל; דער אלטער וואנד-זייגער, מיט דער העללער רויז אויפען געל אב געבלאקטען ציפערבלאט, ציקט פויל; דער קאם פרובט די פריילינגע נגונים און וויל דוקא גובר זיין די הייזעריגע שטימטע, און די אלמנה קוקט אויף דעם זוהנ'ס יום-טוב-קליידער . . .

פלוצלינג הערט זיך א שרעקליכער קלאפ. עס ציטטערען די וואנד, עס שיטט זיך שטיקער ציגעל און לעהם פון קוימען, דאס פענסטער שפרינגט קלינגענדיג ארויס. א גרויסער פונקענפליהענדיגער רויך זעצט אין היממעל ארייין צוזאמען מיט א פאנטאן ציגעל און שטיקער פון קוימען. איין אונגעהייערע שרעקליכע ליכט בעלייכט די שטוב. די אלמנה בלייבט אויפ'ן ארט, וואו זי איז געשטאנען, פערשטיינערט. עס איז אפילו קיין געשריי פון צווישען די ווייסע ליפפען נישט ארויס; נור די גראע האאר האבען זיך איהר אויפגעשטעלט ביי'ם שטערן, נור די אויסגעברייטעטע שווארצאפעל פון די אויגען זענען ווייס געווארען ווי ביי א טויטען . . .

זי האט אפשר גאר נישט געהערט דאס ווילדע געשריי, וואס האט געשלאגען פון גאסס:

— דער קעססעלמאן, דער קעססעלמאן — נעהרג'ט!

. . . .

נאך לאנגע יאהרען פלעגט זי זיצען ביי דעם זעלבען פענסטעריל און קוקען מיט דעם שוואכען, מוטנעם בליקק אויף דעם קוימען פון פאבריק, פון וואנען עס שלאגען ווייס, ווייס די בלאע זיילען רויך.

נור דער רויך האט שוין יעצט נישט די געשטאלטען, וואס אמאל . . .

* *
*

(פאראדיע).

אללע אבענד קומט דאס מאדכען
צום פאנטאן צו טרינקען וואססער;
זי בעגעגענט דארט א יונגלינג,
יעדער אבענד ווערט ער בלאססער.
„זאג ווער ביזטו?" האט זי טרויריג
איהם א מאל א פראג געגעבען —
„דיין געבורטסארט וויל איך וויססען,
וואו דו האסט פערבראכט דיין לעבען?"
אונ ער האט איהר שטילל געאנטווערט:
כ'בין פון עלענד, נויט א זינגער;
מיין געבורטסארט איז די „ליטא",
וואו מען שטארבט אין נאסס פון הונגער...

אברהם רייזען.

---

* *
*

אונ זעהסטו דאס בוימ'על', וואס וואקסט אויף דעם פעלד
אהן פריינד, אהן חברים, אלליין?
עס שאקעלט זיך טרויריג אונ דאווענט פאר גאטט,
וואס בעט עס, — ווער קאנן עס פערשטעהן.
עס בעט גישט קיין פריהלינג, קיין ווארימען שטראהל —
וואס נוצט עס דעם עלענדען קינד?
עס ווייגט נאר אונ בעט זיך געוויטער ביי גאטט,
עס זאלל איהן צעברעכען דער ווינד!...

א. ר.

דָאס גְלִיקְק.

(אַ מעשה).

אין אונבעגרענצטען וועלטאלס, אין אונגעהייערען קאָסמאָס איז געפלויגען אַ מַלְאָךְ.

שוין לאַנגע, לאַנגע יאָהרען האָט ער זיינע פליעגעל נישט צוזאַממען גענוממען; שוין לאַנגע, לאַנגע יאָהרען פליהט עָר אונ פליהט אָהן אויפהער.

וואו אַ זונן, וואו אַ שטערן, וואו אַ פערבלאָנשזעטער קאָמעט שטעלט עָר זיך אָב אונ פראָגט: „זאָגט מיר, זייט מוחל, ווייסט איהר ניט, וואו די ערד געפינט זיך?" אונ קוים דערהאָרט ער די אַנטוואָרט „ניין", פליהט עָר באַלד ווייטער.

אַ שאָר אַ מינוט, איין איבריגע סעקונדע!

שוין פאַר גאָר-גאָר לאַנגע יאָהרען האָט דער מלאך געהאָרט וועגען דער נויט פון די אונגליקליכע מענשען אויף דער עָרד, וועגען דעָם, ווי שווער אונ ביטער עס לעָבט זיך זיי — אונ זיין מלאָכי'שע האַרץ איז פולל געוואָרען מיט רַחֲמָנות. דעָמאָלס איז עָר אַנידעָר געפאַללען מיט אַ געוויין פאַר'ן כִּסֵא-הַכָּבוד אונ געבעָטען פיר די מעָנשען דאָס גליקק, אונ גאָטט האָט זיין תְּפִלָּה אָנגענוממען אונ באַלד האָט עָר איהם דאָס גליקק איבערגעגעָבען צו ברעָנגען עָס צו די אונגליקליכע מעָנשען אויף דער עָרד.

פון דעָמאָלס אָן איז עָר אַראָב פון זיעבעטען הימעל אונ בלאָנשזעט צווישען זוננען, שטעָרען אונ קאָמעָטען אונ זוכט זי — די עָרד.

אין זיין רעָכטער האַנד האַלט עָר דאָס גליקק. לייכט בעוועָגען זיך זיינע ווייסע פליעגעל אין דעם דינען עָפּיר. טויזענדער יאָהרען זענען שוין איבערגעגאַנגען, מיליאָנען סיסטעָמען איז ער שוין דורכ-געפלויגען, — קיינער ווייס ניט, וואו די עָרד מיט איהרע אונ-

גליקליכֿע מענשען געפֿינען זיך!

צייטענווייז קאַפּעט פֿון דעם מלאך'ס אויג אַ טהרער. אָ, ווער ווייסט, צי זיינע לייכֿטע פֿליגעל טראָגען איהם נישט אַוועקק פֿון דער ערד!?

און דאָך — אַ מלאך!

פֿערשטעהט איהר, אַ מלאך האָט זיך איבערגעגעבֿען איין אידעאַל צו העלפֿען דער אָרימע לײדענדער מענשהייט;

נישט אויף זיין לאַנג פֿערוואָגלען זיין, נישט אויף זיינע לאַנגע מיה' אָהן פֿאָרשריט, קאַפּעט זיין טהרער, נור אויף די אָרימע מענשען, וואָס דאַרשטען און שטרעבֿען צו דעם גליקק, וואָס ער, דער מלאך, טראָגט אין זיין רעכֿטער האַנד.

— זאָגט מיר, זייט מוחל, ווייסט איהר ניט, וואו די ערד מיט איהרע אונגליקקליכֿע מענשען געפֿינען זיך?

— ניין.

און ער פֿליהט באַלד ווייטער, בעגייסטערט מיט זיין אידעאַל.

די וועלט דערווייל ווערט אַלט און נײַ, עס וועקסלען זיך מענשען אידעאַלען און רעליגיאָנען — און דאָס אונגליקק הערשט אויף איהר איבעראַלל!

— וואו נעהמט מען דאָס גליקק?! זיפֿצען די אונגליקקליכֿע מענשען. —

אַ מאָל האָט איין אַלטער שטערנ־זעהער, איין אָסטראָנאָם, נאָכֿגעקוקט אַ פֿערבלאָנשזעטען קאָמעט; אַ לאַנגע צייט האָט ער זיין אויג נישט אַוועק גענוממען פֿון שפּאַקטיוו, וועלכֿען ער האָט נאָכֿגעקערעוועט, וואו אהין נור דער קאָמעט האָט זיך געווענדעט; אַז ער האָט אֲפִילוּ געבֿרויכֿט עססען אָדער שלאָפֿען, האָט ער זיין הַשְׁגָּחָה נישט אָבגעטהון פֿון איהם; דעמאָלס האָט ער זיין יונגען זוהן אויף זיין אָרט געשטעללט, און קוים נור געענדיגט עססען — ווייטער זיך צוריקק אַליין גענוממען קוקען דורך דעם שפּאַקטיוו.

דעם קאָמעט האָט עס זעהר פֿערדראָססען: „וואָס וויל דאָרט דער אַלטער מְכַשֵּׁף פֿון מיר?! וואָס סטייטש, אַ גַּנָּב בין איך, אַז

מען זאָלל פֿון מיר קיין אונג נישט אַראָבלאָזען? דער אַסטראָנאָם אָבער האָט דאָס זייניגע געטהון. דער קאָמעט איז נאָך מעהר בייז געוואָרען. פֿאַר גרוים עַגְמַת־נֶפֶש האָט ער געפּלאַצט אונ איז צער־פֿאַללען אויף צוויי האַלפֿטען.

פּלוצליג פֿליהט־צו צו איהם דער מלאך אונ פֿראָגט מיט זיין טרויעריג זאַנפֿטיגער שטימע:

— זאָגט מיר, זייט מוחל, רֶבּי קאָמעט, ווייסט איהר נישט, וואו די ערד מיט איהרע אונגליקליכֿע מענשען געפֿינען זיך?

— אויף דער ערד מענשען? אָנטוועָרט דער קאָמעט בייז — דאָרט איז פֿערהאַנען נור אַלטע מְכַשְׁפִים אונ יונגע רוֹצְחִים.

— אַח, די אָרימע מענשען! — האָט דער מלאך געזיפֿצט, — אַלס, נעבּיך, פֿאַר גרוים אונגליקק! ניין, רֶבּי קאָמעט. בייזערן זיך טאָר מען נישט, פֿיינד האָבען איז אַנ׳עֲבֵירָה...

אונ דאָס גליקק אין זיין רעכֿטער האַנד האָט געגלאַנצט אונ געבּלישטשעט, אַז אֲפִילוּ דעם קאמעט, קוקענדיג דערויף, איז ליכֿטיג געוואָרען אין די אויגען, אונ לייכֿטער אויף דער טריעבער מיזאַנטראָפּישער נְשָׁמָה.

— וואו איז די ערד?

דער קאָמעט האָט איהם אָנגעוויזען מיט אַ לאַנגען, דיקקען שטראַהל, אויף דעם אָרט, וואו די ערד געפֿינט זיך.

— אַח, ווי וויט פֿון הימעל די ערד האָט פֿערבלאָנזשעט! האָט שטילערהייט געזיפֿצט דער מלאך — אונ אַלס פֿאַר גרוים אונגליקק!

אונ ער האָט זיך בּאַלד געלאָזט אין וועג אַריין.

אויף דער ערד דערווייל האָט דער אַסטראָנאָם בּעמערקט דעם מלאך, אונ געזעהן דורכ׳ן שפּאַקטיוו אַ גלאָנצענדע זאַך אין זיין רעכֿטער האַנד, אונ אַזוי ווי אַ נָבִיא האָט שוין לאַנג נְבִיאוֹת געזאָגט, אַז עס פֿליהט אַ מלאך מיט גליקק, האָט זיך דער שטערנ־זעהער בּאַלד מְשַׁעֵר געווען, אַז דאָס טראָגט יעטצט דער מלאך דאָס גליקק פֿאַר די מענשען, אונ בּאַלד האָבען די צייטונגען צערטראָגען דאָס נייעס

אויף דער גאַנצער וועלט.

— עס פליהט אַמלאך מיט גליקק, — האָט מען געשמועסט, וואו נור עס געפינען זיך מענשליכע מיילער.

אַללע שטערן־זעהער האָבען אָנגעשטעללט זייערע שפּאַקטיוון אונ געזעהען בעשיינפּערליך, ווי דער מלאך קוממט אַלס נאָה'נטער אונ נאָה'נטער צו דער ערד.

זיי האָבען גענוממען רעכענען אונ אויס גערעכענט, אַז אין דעם אונ דעם טאָג, אין דער אונ דער שעה, מינוט, אויף דעם אונ דעם גראַדוס וועט דער מלאך אַראָב קוממען צו דער ערד.

אַז עס איז אָנגעקוממען דער בעשטיממטער טאָג, זענען זיך צוזאַממען געקוממען מענשען פון אַללע לאַנדער אויף דעם בעשטיממטען אָרט.

עס האָט אָנגעהויבען ווערען ענג. מען האָט אָנגעהויבען איינער דעם אַנדערן דריקקען, קריגען זיך, טהיילען פּאַטש... עס איז געקוממען דערצו, אַז מען האָט גענוממען זיך הרג'נען איינער מיט'ן אַנדערן אויף טויט מיט מעססער...

טייכען מענשען־בלוט האָבען געפליעסט אויף דעם אָרט אונ דאָס יאָממערן אונ קראַכצען פון די גוססים איז אויפגעגאַנגען ביז צום הימעל.

דער מלאך האָט דערזעהן פון וויטען ווי די מענשען דריקקען אונ פרעססען איינער דעם אַנדערן, אונ פון דער הויך האָט ער גענוממען שרייען מיט זיינע לעצטע כּוחות:

— שלאָגט אייך נישט! איך האָב גליק פיר אַללע, פיר אַללע!

נור זיי האָבען נישט געהאָרט.

אַז דער מלאך איז געקוממען נאָהנטער צו דער ערד, אַז זיינע ליכטיגע אויגען האָבען דערזעהן די דערשטאָכענע גוססים אונ דאָס מענשן־בלוט, אונ אַז זיינע אוי'רען האָבען דערהאָרט דאָס יאָממערן אונ יאָכצען — האָט געקאַפּיט אַטהרער פון זיינע ליכטיגע אויגען אונ איז געפאַללען אויף דעם גליקק.

פון דעמאָלם אָן איז דאָס ליכטיגע גליקק בעפלעקט געוואָרען. מען דערציילט, אז דער מלאך; וואָס איז מיד און מאט געוועזן פון זיין לאַנגער נסיעה און פון דעם, וואָס זיינע אויגען האָבען געזעהן אויף דער ערד — איז פערחל׳שט געוואָרען און דאָס גליקק איז ארוים געפאַללען פון זיין רעכטער האַנד.

אויפגעהויבען האָבען עס ד׳י, וואָס זענען געשטאַנען פונקט אויף דעם אָרט, וואו עס איז געפאַללען.

זיי זענען טאַקי גליקליך עד היום הזה...

ה. ד. נאָמבערג.

* * *

גליק און רוה׳
זאָגט אונז צו
דער פּראָפּעט,
פריה צי שפּעט.

און איך זינג,
ווי ס׳וועט גרינג,
עדעל, פיין
דאַמאָלם זיין:

פריינדשאַפט איז
דער דעוויז
פון דער פאָהן
ביי׳ן נאַציאָן.

נאַרישקייט
הייסט אַ שטרייט;
ס׳איז אַ שאַנד
פיר דעם לאַנד.

און נישט מעהר
קיין געוועהר,
קיין אַרמאַט —
קיין סאָלדאַט.

און מען מאַכט
— אונגעטראַכט —
שטאָאַטס געוועהר
אַקערס מעהר.

יוסף קאפלאן.

דִי צַייט .

דִי צַייט אִיז , וִוי אַיין אַלְטֶע פְרוֹי ,
אָהן שֵׂכֶל , אָהן פֶערְשְׁטַאנְד ;
זִי זִיטְצְט זִיךְ רוּהִיג אוֹיפְ'ן שְׁטוּהל
אוּנ שְׁטְרִיקְט אַ זָאק אִין הַאנְד —

דִי מֶענְשֶׁען — אִיהְרֶע קִינְדֶערְלִיךְ .
זֵיי שְׁלָאגֶען זִיךְ בִּיז בְּלוּט , —
זִי הֶערְט עֶס נִיט , אִיהר אַארְט עֶס נִיט ,
זִי זִיטְצְט אוּנ שְׁטְרִיקְט בֶּערוּהט .

דִי מֶענְשֶׁען , — אִיהְרֶע קִינְדֶערְלִיךְ —
זֵיי לֶעבֶּען שְׁוֶוער , גֶעדְרִיקְט ;
זִי פִּיהְלְט עֶס נִיט , זִי קוּקְט עֶס נִיט —
זִי זִיטְצְט אוּנ שְׁטְרִיקְט אוּנ שְׁטְרִיקְט .

אָ דוּמְמֶע פְרוֹי , בִּיז וַואנְן , בִּיז וַואנְן ?
עֶס הָאט דָאךְ אַלְץ אַ חָק !
זִי גִיט אַ גֶענִיץ שְׁלֶאפְרִיג : „הַא״ ? . . .
אוּנ שְׁטְרִיקְט זִיךְ אַלְץ אִיהר זָאק . . .

אברהם רייזען .

* * *

כ'בין א רעגענווארם, דו זעהסט
ווי טיעף אין בלאטע כ'בין בעגראבען;
דאך חלומ'ט מיר איין אדלער-נאסט,
אדלער פליגעל וויל איך האבען!

שווימען וויל איך אין דעם העללען,
הויכען זעפיר אונגעשטערט,
זאלל דער וואלקען מיר פערשטעללע
נישט דען הימעל, נור די ערד!

י. ל. פרץ.

---

* * *

כ'האב געבראכט א סחורה
אויפ'ן וועלט-יריד:
מענשליכע געפיהלען,
אמת, פריינדשאפט, פריעד.

פאר דער גוטער סחורה
בעט איך נישט קיין געלד,
כ'וויל נור גליקק און נחת
ברענגען אויף דער וועלט.

„נעהמט אומזיסט די סחורה!"
רוף איך הויך און שטארק —
נור פון ווילדען לאכען
הילכט דער גאנצער מארק.

– אָ, דו „נייער סוחר"
ביזט אונז שוין בעקאַנט ,
נור דיין סחורה וועט נישט
ברענגען קיין פּראָצענט .
אונזער גאַנצער האַנדעל
וועט פערגעהן ווי ווינד ;
ווייסט ניט וואָס איז מסחר ,
ביזט נאָך נאָר אַ קינד .

– ניין , איך בין קיין קינד נישט ,
מסחר ווייס איך גוט :
זיינע פונדאַמענטען –
פרעמדע שווייס און בלוט . . .

א. ר.

---

*   *
*

עס בלייבט אויפ'ן הימעל מיין שטערן
און בלאַנזשעט , ווי איך אויף דער ערד ,
אָ , פרעג מיך ניט – ווינקט ער מיר טרויריג ,
איך ווייס ניט – וואָס דיר איז בעשערט .

ווילסט וויסען , וואו ס'טראָגט דיך דיין מזל ?
דו זעהסט דאָך , איך בלאַנזשע אַליין ;
אוי , טונקעל איז היינט אין די הימלען ,
נישט דאָ מעהר די געטליכע שיין !

מיר בלאַנזשען , ווי שאָף אָהן אַ פּאַסטוך ,
אין אייביגען וועלטאַלם אַרום . . .
אָח , פרעג ניט קיין שאלות , מיין קינד , –
עס בלאַנזשעט היינט אַלץ אומעטום !

ה. ד. נאמבערג

אַלְטִינְקֶע

(סקיצע)

פון דוד פינסקי.

דעם יוגגוואַרג האָט דערעָססען צו זיטצען מיט די אלטע אונ האָרען זייער אויעררייסענדיגען גיזאַנג, דען גאַנצען מְשׁוּנָה'דיגען ליערם אונ ליאַרם, אונ האָבען זיך — מיט אויסנאַהם פון עטליכע יונגע לייט, וועלכע זענען נאָך געבליבען דאָ — פערקליעבען אין איין אַנדער צימער. דאָרטין האָבען זיי פרייער אָבגעָאַטעמט, פעררויכערט זייערע פאפּיראָסען, געפיהרט זייערע געשפּראַכען אונ — געפיהלט זיך ווייט פון די אלטע.

זעליג דעם אַלטען האָט עס שטאַרק פערדראָססען. מיט אַ באַזון איראָנישען בליק האָט ער בעגלייט די ענטלויפענדיגע יוגענד אונ באַלד האָט ער זיך צורעָדט. אונ וואָס מעהר ער האָט גערעָדט, אַלץ שטאַרקער האָט געהיללעכט זיין קול אונ צו'ם סוף האָט ער שוין כּמְעַט געשריען. ער האָט געוואָלט אויפווייזען, אַז זיי, די היינטיגע, די יונגע, לעבען ווי הינד, ווייסען מעהר נישט ווי נאָכגעבען זייער תַּאֲוָה, זיין אויסגעלאַססען, שאַרלאַטאַנעווען אונ, אַז לעבען ווי אַ מענש דאַרף לעבען, האָבען נור די אַלטע געקאָנט אונ קאָננען.

אונ דער אַלטער, גראָהערר' זעליג, דער אַלטער, קליינער, געזעטצטער, ברייטפלייטשיגער אונ פראָהליכער יוד, דאָס חסידישע ביינדעל, איז עס בּכֹּחַ אויפצווייזען, ווייל ער איז אַ קלוגער יוד, אַ גרויסער קאָפּף־מענש, מיט איהם איז, ווי דער עולם מיינט, אַ פערגעניגען צו רעדען. אפילו פון דעם, וואָס ער איז שוין געוועזען אַ ביסעל „מָלֵא", האָט ער געוואוסט, ווי צו ברענגען אַ רְאָיָה צו זיינע ווערטער.

— אָט איך טרינק שוין פון הוֹשַׁעְנָא רַבָּא ביי דער נאַכט אָן,

האָט ער גערעדט מיט נִצָּחוֹן, הוֹשַׁעְנָא רַבָּא בּיי דער נאַכט צו די הַקָּפוֹת האָב איך געטרונקען; נאָכטען, שְׁמִינִי עֲצֶרֶת, האָב איך געטרונקען, אַ גאַנצען טאָג געטרונקען, מיך אַפִילוּ נישט צוגעלעגט; ווייל ווער שלאָפט שְׁמִינִי עֲצֶרֶת בּיי טאָג? אַ מִתְנַגֵּד שלאָפט, אַיין עהרליכער יוד וועט נישט שלאָפען... געטרונקען האָב איך, נישט געשלאָפען! בּיי דער נאַכט נאָכטען געטרונקען, נאָך ווי געטרונקען — אַ שְׁתִיָּה גְדוֹלָה! כַּדָּת! און היינט טרינק איך ווייטער, פון אָקאָרשט טאָג טרינק איך, און וואָס? גאָר נישט! בין מיר דער זעלבער יוד: האָב חָלִילָה נישט פערפעהלט קיין דאַוונען, נישט עוֹבֵר קְרִיאַת־שְׁמַע געוועזען, חַס וְשָׁלוֹם, נישט דורכגעלאָזען קיין בְּרָכָה. ווייל וואָס? ווייל איך טרינק נישט ווי זייער חֶבְרָה, לְהַנָאָתִי, אַבִי, זיך אָנטרינקען, גלאַט אַזוי. איך האָב גאָר פיינד בראַנפען! אַ גאַנצע וואָך, פון שַׁבָּת צו שַׁבָּת קומט זי גאָר צו מיר אין שטוּב נישט אַריין. נור היינט איז שִׂמְחַת־תּוֹרָה טרינק איך, גאָט האָט געהייסען: וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּיךָ, זייט פראָהליך אין אייערע יוֹם־טוֹבִים, בין איך פראָהליך, אַזוי איז עס! נישט אַזוי וואָס, יִשְׂרָאֵל? האָט ער זיך געווענדט צו אַ דאַרען, אויסגעמאָגערטען יונגען מאַנטשיק, וואָס איז געזעססען נעבען איהם און צוגעשמייכעלט, און דערבּיי האָט ער איהם אַראָבגעלאָזען אַ פּאַטש איבער'ן קניע.

יִשְׂרָאֵל האָט אַ ציטטער געטהאָן מיט'ן גאַנצען קאָרפּער פון דעם פּאַטש, און דאָך נישט אויפגעהערט צו שמייכלען, און געענטפערט מיט אַ לוסטיגער גַנָבִישער מינע:

— אָט דאָס איז דאָך מיין טַעֲנָה! האָרסט, וואָס טַעֲנָ'ע איך?

דער פרוממער עוֹלָם, דער אֶמֶת־יודישער עוֹלָם, וואָס איז געוועזען אין צִימְמער, האָט צופריעדען געשאָקעלט מיט די קאָפּ און געקוקט אויף די איבערגעבליעבענע יונגע מיט נִצָּחוֹן, און יעדער האָט צו געלעגט אַ וואָרט, געגליכוואָרטעלט זיך אויף דעם יונגווארנ'ס חֶשְׁבּוֹן. זיי האָבען אַללע געשטאַרקט זיך צו בעווייזען, אַז זינד די יונגע האָבען אַראָבגעוואָרפען פון זיך דאָס יאָך, אויסגעטהאָן זיך פון אַלץ, איז שְׁדִים וויסען וואָס פון זיי איז געוואָרען!"

און די איבערגעבליעבענע יונגע האָבען געשמייכעלט און גאָר נישט געאָנטפערט. אין זייער שמייכעל איז געלעגען אַ ביסעל פעראַכטונג און אַ סך גלייכגילטיגקייט צו דעם, וואָס די אַלטע האָבען גערעדט. אַזוי שמייכעלט מען שטאָנדיג, ווען מען האַלט זיך פאַר קליגער און מען וויל זיך נישט אַריינלאָזען אין אַ שמועס מיט דעם געגנער.

ר׳ זעליג׳ען האָט דאָס שמייכעל גערייצט און ער איז שוין געוואָרען גראָב.

— זיי ווילען גאָר אַ פריהער אַ כַּפָּרָה אַיינגעהמען, האָט ער געשריען, — איידער זיי ווילען זיך גאָר קאָננען מְשַׂמֵחַ זיין ווי מיר! וואָרום וואָס זענען אַללע זייערע שמחות? וואָס? אַ מאָדעל! העבט זיך אָן אַ מאָדעל און לאָזט זיך אויס אַ מאָדעל! מעהר נישט.

— נו, נו, נו... איהר רכילעסט שוין, פעטטערקע, האָט זיך איינער פון די יונגע נישט איינגעהאַלטען.

— איך רכילעס! פערשטאָכענע אויגען, איך רכילעס!? האָט זיך ר׳ זעליג צוהיטצט, — גאָר נישט, כלומר׳שט, און ער וויס עס נישט, אַז איך זאָג דען ריינען אֶמת. איך רכילעס! דאַכט זיך, ביי אייך איז אַ בפירוש׳ער דין: אֵין שִׂמְחָה בְּלִי רֶיעוּוַקא״...

מען האָט זיך צו לאַכט. האַ־האַ־האַ, געזונד זאָלל ער זיין!

און ר׳ זעליג ווערט היטציגער:

— איך וואָלט טאַקי וועללען זעהן אַ מאָל זייער חֶבְרָה טאַנצען און פראָהליך זיין אָהן מאָדלעך; איך האָב עס נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. איך וויס מעהר נישט, אַז עס איז פערהאַנן אַ מאָדעל, ווילען זיי געהן טאַנצען, אַז עס איז פערהאַנן בראָנפען, ווילען זיי זיין פראָהליך. וואָרום וואָס איז זייער גאַנצער יום־טוב? ראַוויי־קאַ וויפּיטש! און אַ מאָדעל, אָט דאָס איז זייער יום טוב. נישט אַזוי וואָס, ישראל?

און ווייטער האָט ער אויפגעהייבען די האַנד אַ פאַטש צו טהון, נור ישראל האָט אונטערגעחאַפּט זיין האַנד.

— אָט דאָס טַענ'עָ איך דאָך! האָרסט, וואָס טַענ'ע איך? האָט ישראל איבערגע'חזר'ט מיט איין ערנסטער מינע און אַ פֿיהר געטהאָן מיט די האַנד, נור די ווינקלען פֿון זיינע ליפּען האָבען געשמייכעלט.

— אָבער וואָס האָסט דו זיך אויף זיי אָנגעזעטצט, זעליג? האָט זיך אַריינגעמישט דער אַלטער העניך, דער בעל־הבית פֿון דער שִׂמְחָה. לאָז זיי צורוה, דאָך אַ צַעַר בַּעֲלֵי־חַיִּים...

אַלס בעל־הבית האָט ער געפֿיהלט, אַז ער דאַרף נעמען די יונגע אונטער זיין שוטץ, און דערביי האָט זיך איהם געוואָלט אַ שטאָך טהון זיי מיט „צַעַר בַּעֲלֵי־חַיִּים".

— ניין, איך וויל זיי מעהר נישט בעוויזען, די שְׁקָצִים, וואָס פֿאַר אַ הינד זיי זענען! האָט ר' זעליג געזאָגט. — וואָס זענען זיי צולאָפֿען, די פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל, ברענגען זאָללען זיי, די פּוסטע מוחות! וואָס זענען זיי צולאָפֿען? זיי שטעהט נישט אָן צו זיטצען מיט אונז? שכּור זענען מיר? האַ? מיר דאַכט, אַז וואָס איך האָב נאָך יעטצט שֵׂכֶל אין פּיאַטע, האָבען זיי עס נישט אין קאָפּף, האָבען עס נישט געהאַט און וועלען עס נישט האָבען! צולאָפֿען זענען זיי! ניין, זאָללען זיי מיר זאָגען, פֿאַר וואָס טרינק איך היינט? איך טרינק עפּיס, ווייל איך האָב האָלד בראַנפֿען? אַ האָאר אויך נישט. אַ טפֿו, בראַנפֿען! איך דאַרף זי אויף כַּפָּרוֹת. נור איך טרינק, ווייל היינט איז שמחת תורה. נישט די בראַנפֿען מאַכט אונז פֿראָהליך, אַ פֿע! דער שמחת־תורה מאַכט אונז פֿראָהליך, אָט ישראל טרינקט גאָר קיין בראַנפֿען נישט — ער האָט גאָר אַ ברוסט־פֿעהלער און די דאָקטוירים האָבען איהם פֿערבאָטען צו טרינקען — טרינקט ער גאָר נישט און איז אויך פֿראָהליך. ער דאַרף גאָר קיין בראַנפֿען נישט; דער שמחת־תורה אַליין הייבט איהם די פֿיסס, נישט אַזוי, וואָס, ישראל! זאָג, מַמְזֵריוּק, אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין!...

און ישראל האָט געחאַפּט אַ שטאַרקען פּאַטש אין קניע.

— אַוַודאי אַזוי, האָט ער אויסגעשריען, חאַפּענדיג זיך פֿאַר דאָס קניע. — אָט איהר זעהט, אָ? גאָר אָהן בראַנפֿען.

אונ ישראל האָט אָנגעהויבען דרעהען מיט די אַקסלען, אונטערשפרינגען פֿון שטוהל אונ אומוואַרפֿען מיט די פֿים.

— הע, הע, הע, מאַלאָריעץ ישראל! האָט ר׳ זעליג געלאַכט אונ געקלאַפּט ישראל׳ן איבער׳ן פּלייצע, נו, דערפֿאַר וועל איך פֿאַר דיר טרינקען, האָט ער צו געגעבען, אָנגיסענדיג זיך אַ קעלעשאָק.

— זאָל אַייך עס זיין צו מצוה, האָט ישראל געוויצעלט אונ פֿרום פֿערגלייסט די אויגען.

דער עולם האָט געלאַכט אונ אונטערגעחאַפּט ר׳ זעליג׳ס רעד: — אונ וועלכער יוד האָט דאָס האָלד בראַנפֿען? וועלכער יוד טרינקט עס, נור אַבי געטרונקען? שמחת תורה מעהר נישט, אָט...

— אָט אַזוי טהוט זיך דאָס ביי אונז יודען, פֿערשטעהט איהר מיך! האָט ר׳ זעליג איבער געריסען דען עולם מיט גאַוָה, ווענדענדיג זיך צו די יונגע, אונ מיט מעהר גאַוָה האָט ער צוגעגעבען:—

— אונ דאָס איז נאָך גאָר נישט אַ קעגען אַ מאָליגע יאָהרען. אַ מאָל, עח, אמאָל... האָט ער פּלוצלינג אָבגעקראַכצט. עט, וואו קומט עס היינט צו אַ מאָל! אַזוי דענן פֿלעגט מען אַמאָל הוליען שמחת תורה? חמע-ע!... אָט וואָס היינט הוליעט מען מעהר פֿאַר זיך, מיט דער אייגענער משפחה, מיט דעם אייגענעם געזינדעל, אָט דאָס אלליין בעוויזט שוין, אַז עפּיס איז נישט דאָס. איז שייכות געוועזען צו זאָגען, אז מען זאָל הוליען פֿאַר זיך! איך וויים, מען פֿלעגט דורכגעהן אַ גאַסס — אונ ווי פֿלעגט מען דורכגעהן, מיט נִגִינָה, מיט טאַנץ, מיט אַ קלאַפּעריי אונ אַ הווּשעריי... אַזוי פֿלעגט מען געהן! אונ ווי מען פֿלעגט בעגעגנען אַ יוד, איז גלייך געחאַפּט: קום! אונ ער פֿלעגט געהן! גאָר אָהן מַחֲזָקוֹת, מען האָט ביי איהם נישט געפֿראָגט, ווער ער איז, אונ ער האָט נישט געפֿראָגט וואָהין אונ צו וועמען. קום! — אונ געגאַנגען. מען דאַרף דאָ עפּיס פֿראָגען? שמחת תורה — אונ גאָר! אונ מען האָט נישט געקוקט — אָרעם, רייך, אַללע גלייך, נישט דאָ קיין חילוק! היינט וואָס מען פֿלעגט צו קעהרען אַ וועלט!

טאַנצען אין מיטטען גאַסס, אויסטרעטען אַללע בלאָטעס, רייסען לאָדענס... ע, וואו קומט עס היינט צו אַ מאָל.

אונ דעם עולם איז געפאַללען געוואָרען דער ענין אונ מען איז אַריינגעפאַללען ר׳ זעליג׳ען אין די רעד. איינער האָט דער־מאָנט אַ צילינדערהוט, אין וועלכען מען פלעגט אָנשטעקען סטעאַרין־ליכט אונ אָנטהון יעדעס צו זיין פסוק „אַתָּה הָרְאֵיתָ״; אַ צווייטער האָט דערמאָננט די קירבעסען אונ ליאַטערנעס, מיט וועלכע מען פלעגט אויספוטצען די שוהל. אונ נאָך איינינע האָבען שוין געאָפּענט די מיילער, געוואָלט עפּיס דערמאָננען, נור ר׳ זעליג האָט אונ־נערולדיג איבערגעריססען דעם עולם אונ אָנגעהויבען ווייטער צו רעדען:

— היינט איז גאָר נישט, כִּמְעַט גאָר נישט! היינט איז אַלץ נישט דאָס. אַפילו די פרוממע זענען שוין נישט דאָס; וואָס אֶמת איז אֶמת, אַפילו די פרוממע זענען שוין נישט דאָס. איך האָב פיינד צו זאָגען, עס זענען מאַקי געוועזען פרייערע צייטען, איך מֵיין, די דְאָגַת־פַּרְנָסָה איז נישט געוועזען אַזוי גרויס, אונ גלאַט זענען די מענשען אַלליין געוועזען עפּיס בעססער. דער גְבִיר איז געוועזען איין אַנדער גביר, דער אָרעממאַנן איז געוועזען איין אַנדער אָרעממאַנן. איך ווייס, עס איז עפּיס מעהר אַחרות געוועזען. וואו וועט איהר היינט, לְמָשָׁל, געפינען אַזא גביר, אַזא יודישען גביר, ווי ר׳ מאיר זבולון זכרונו לִבְרָכָה איז געוועזען? נישט דאָ, איהר וועט נישט געפינגען, איהר זאָלט אַפילו אויספאָהרען מדינות. איך רעד שוין נישט וועגען די דייטשען, וועגען די „אַריסטאָקראַטצען״, וועגען זייער חֶבְרָה; נור אַפילו יענע, וואָס זענען נאָך מבלומר׳שט יודען, זענען אויך גאָר נישט. זיי וואָלטען אויך וועללען, מען זאָלל שטעהן פאַר זיי אָהן אַ היטעל, מען דאַרף גאָר ווייססען, ווי צו צוגעהן צו זיי. שייכות צו זאָגען, מען האָט געדאַרפט עפּיס ווייססען, ווי צו צוגעהן צו ר׳ מאיר זבולונ׳ן, נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן? מען פלעגט צו געהן צו איהם, ווי איך געה צו צו ישראל׳ן, צו שמערלען, צו חאצקלען, צו — !... היינט זיינע שמחת־תורה׳ס!... האָט ער זיך אַ חאַפּ

געטהאָן. — אַ קלייניגקייט, זיינע שׂמחת תּורה'ס!...

און דער עולם האָט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דעם ענין: אַ-האַ-האַ, ר' מאיר זבולונ'ס שׂמחת תּורה'ס! ביי איהם איז זאַל פלעגט מען אויסגיססען די פאָמוניצע און גליטשען זיך; זיין חלק פיש פלעגט מען צוקוועטשען מיט די האַנד און שפּאַרען איהם אין מויל און ער פלעגט עססען, חאַפּענדיג די ביססען'ס, ווי אַ הונד. און וויפיעל מאָל האָט מען איהן אַרויפגעצויגען אויפ'ן טיש — גופא ביי איהם אין רעבטען מיטטען זאל — און געקאַרקעוועט! וויפיעל מאָל פלעגט מען זיך אַרומקלייבען ארום איהם מיט אַ ניגון: „פּע-ע-קי-לאָם-ציאָם-טשורל-לי, ליאָם-ציאָם-טשורל-לי". און קנייפּען איהן אין „באָלף מחילות"! נור ר' זעליג רייסט ווייטער איבער:

— ע, וואו איז עס היינטיגע צייטען! נור מילא, זאָלל געהן ווי עס געהט, און מיר וועלען מאַבען „לחיים!" נישט אַזוי וואָס, ישראל?

— און טאַקי אַ טאַנצעל אויך! האָט ישראל אויסגעוואונגען און איז אויפגעשפּרונגען פון שטוהל, נאָך איידער ר' זעליג האָט צייט געהאַט אַראָבלאָזען די האַנד אויף זיין קניע. ער האָט אָנגעהויבען טאַנצען אַ האָפּקעלע און צו גערעדט בשעת מעשׂה:

— און גאָר אָהן בראַנפען! אויף צעהן טויזענד כּפּרות די בראַנפען! אי הו, אי הו, שׂישׂי ושׂמחו בשׂמחת תּורה, אי הו, אי הו, שׂישׂי ושׂמחו בשׂמחת תּורה...

און דער עולם האָט געמאַבט „לחיים!" און אונטער געחאַפּט ישראל'ס ניגון. ישראל איז שוין געוועזען אין מיטטען חדר. ער האָט פערלעגט די רעבטע האַנד הינטערן נאַקען, די לינקע האַנד אומגעררעהט אין דער לופטען און גאַנץ געשיקט געטאַנצט דאָס האָפּקעלע.

— וואו זענען זיי די אַפּיקורסים? זאָללען זיי, אַ! האָט אויסגעשריען ר' זעליג, וועלבען דער נייער כּוס האָט ערמונטערט, — עס, יודען בלייבען יודין! וואַרט, ישראל, איך פערקאַססער אויך די פּאָלעס.

מיט די געשיקטהייט פֿון אַ יונגען יונגעל איז ער אריבער געשפרונגען איבער'ן טיש און צוגעטאַנצט צו ישראל'ן.

— לאָ'מיר טאַנצען ישראל, האָט ער געזאָגט, — אָט זיי אויף צופֿיקענים. עס, שטאַרקע דורות, שוואַכע דורות, אַלץ איינס, פֿראָהליכער, לעבעדיגער! זינגט, חֶבְרָה! עה! אַללע פֿרום, ווערט משיח קוממען; אַללע נישט פֿרום, וועט ווידער משיח קוממען. לעבעדיגער, ישראל! אי הו, אי הו, שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה!...

זיי האָבען געטאַנצט מיט בעגייסטערונג, מיט התלהבות; זיי האָבען געוואָלט מיט די פֿים, מיט די האַנד, מיט'ן קאָפּ, מיט יעדעם אֵבֶר אַרויסווייזען, וואָס עס טהוט זיך ביי זיי אין הארצען, אַרויס געבען זייערע געפֿיהלען, זייערע פּנים'ער זענען געוועזען רויט און זייערע אויגען האָבען געברענגט מיט איין אינוועגדיגסטען פֿייער. דאָס האָבען זיי געדיענט גאָטט, געגעבען איהם אַ שֶׁבַח און געהאָפֿט, בעהאָפֿט און נאָך מעהר ווי געהאָפֿט! זיי זענען יעטצט זיכער געוועזען, אַז אַלץ, אויף וואָס זיי האָפֿען און אויף וואָס דאָס גאַנצע יודישע פֿאָלק האָפֿט, וועט מקוים ווערען, אַז אַלץ וועט זיין גוט.

און דער גאַנצער עולם האָט עס דערפֿיהלט. דאָס האָט מען בעהאָרט אין דעם עולם'ס וואַרמען, הארציגען זינגען, געפֿיהלט אין די האַנדפּאַטשען, געזעהען אין די לויכטענדע אויגען. צו זעליג'ען און ישראל'ן זענען צוגעשטאַנגען נאָך איינינע און נאָך איינינע און באַלד האָט זיך שוין דער גאַנצער עולם געדרעהט, געשפרונגען און געקוליעט...

און באַלד איז געוועזען זייער נִצָּחון פֿאַרפֿולל: זיי האָבען אריינגעטאַנצט צו די יונגע אין צימער. און ר' זעליג האָט זיך געשטופּט און געשטויסען, און געשלעפּט די יונגע מיט זיך אין טאַנץ, און געשלאָגען זיי אין נאַקען, און געטייטעלט מיט די פֿינגער, און געזונגען: „האַ, משוּמָדים, וואָס, משוּמָדים! האַ, משוּמָדים, וואָס, משוּמָדים!" און דער גאַנצער רוישענדער, טאַנצענדער עולם האָט איהם נאָכגעמאַכט, געשלעפּט די יונגע מיט

זיך אין טאַנץ און געשטופט זיך און געשטויסען און אַרויסגעשטעקט זיי די צינגער, און גע„בע"קעט, און געטייטעלט מיט די פינגער, און אין כאָר געזונגען: „האַ, משומדים, וואָס, משומדים, האַ, משומדים, וואָס, משומדים!" — — —

און די יונגע האָבען זיך אָבגעשלאָגען פון זיי, גערויבערט זייערע פּאַפּיראָסען, געלאַכט און — געפיהלט זיך ווייט, ווייט פון די אַלטע, פון די אַלטינקע...

* *
*

עס לויפען און פליהען די טאָג און די יאָהרען
אַוועק;
דאָס גליקליכע קינד איז אַ זקן געוואָרען —
געענדיגט זיין וועג.
עס קריכען און קריכען מינוטען, סעקונדען
אָהן צאָהל...
עס גראָבען שמשים אָהן ליאַרעם אַ קבר, —
און שטיל איז, עס הערט זיך קיין קול.

י. י. פּראָפּוס.

* *
*

פיעל פינסטערע נעכט האָב איך ליעדער געשריעבען,
און ריימען, ווי גאָלד און ווי פּערל, געקליעבען;
זיי האָבען געלויכטען אין פינסטערער נאַכט
און האָבען מיין לעבען ניט ליכטיג געמאַכט.

א. רייזען.

שַׁמַאי רַאטְמַאנן

(פעלליעטאָן).

איהר קאָנט שַׁמַאי ראַטמאַנן? געוויסס!

נאָכטען, שטעלט אייך פאָר, טרעף איך איהן אין גאַסס.

— שַׁמַאי! רוף איך, ער האָרט נישט; איך מאַך מיט דער האַנד, ער זעהט נישט! ווי אַ גולם שטעהט ער, מיט אָפפענע, שטאַארע אויגען; איך חאַפּ איהן אָן ביי'ן אַקסעל:

— גאָטט איז מיט דיר, שַׁמַאי!

ער חאַפּט זיך אויף, ווי פון שלאָף.

— אַ נייע אידעע! שמייכעלט ער.

אַ וואונדערליכע זאַך די נייע אידעען! ווי דאָס ווערט געבאָרען!

אַ מענש, ווי אללע מענשען, אַ פעריאָגטער, וואָס דאַרף, אונ אָפט, אַללערליי געלדער — פרנסה־געלד, דירה־געלד, מְלַמֵד אונ לעהרער־געלד, חוץ אַנדערע געלדער. אזאַ מענש פאַלט פלוצים אַוועק אין מיטטען גאַסס — אַ גולם! איין אָפפען־מויל, אָפפענע אויערען, אונ ער האָרט נישט, אונ ער זעהט נישט, אונ פיהלט נישט!

וואָס איז? עפּיס אין מוחַ, אין אַ פינסטער בעהאַלטען ווינקעלע, שפּינט זיך אונ וועבט זיך אַ נייע אידעע.

אונ זי וועבט זיך אונ שפינט זיך אָהן זיין וויללען, אָהן זיין וויססען, אונ, מעהרסטענטהיילס, נישט פיר זיין טוֹבה וועגען...

איך קאָנן אַ סך, אַ סך מענשען, וואָס אידעען האָבען זיי איבערגע־פיהרט... ראוּבן האָט געקלערט, אונ געקלערט ביז ער איז געפאַללען אויף איין נייער הַמְצָאָה, אונ ער איז אַריין מיט אייגען אונ פרעמד־געלד... שִׁמְעוֹן האָט זיך איינמאָל פערטראַכט — פערטראַכטער־הייט האָט ער זיך עפּיס אַרויס געחאַפּט, אונ פון דעמאָלט אָן יאָגט מען איהן אונ מען פלאָגט איהן פון אַללע זייטען, מען וואַרפט איהן נאָך

שטיינער אין גאַסס... לֵוי איז גאָר אַראָב פֿון זיננען, און ווענן נישט דאָס ווייב זיינס, וואָס לאָזט פֿון איהם קיין אויג נישט אַראָב, וואָלט עֶר שוין לאַנג געהאָנגען עֶרגיץ אויף אַ בוידעם. יְהוּדָה, האָטש קיינער ציעֶפּיט איהן נישט, לויפֿט, צייט ער איז געפֿאַללען אויף עֶפּיס אַ וואונדעֶרליכֿע אידעֶע, אַרום ווי משוגע אין די גאַססען, און שרייט „געוואַלד!"... און זְבוּלֻן, דעֶן מוזט איהר אויך קאָננעֶן, זייט עֶר איז אויפֿ'ן קאָפּף געפֿאַללען, געפֿאָלט איהם נישט דאָס ווייב, קאָנן ער נישט זיינע אייגענע קינדער, עֶסט עֶר נישט און טרינקט נישט, און געהט קְרִיָעה־בְּלִיָעה — און וואָס וויל ער? געֶהט פֿראָגט איהן!

און פֿון דעֶסטוועֶגען, האָב איך אַ שרעֶקליכֿען חֵשֶק צו נייע אידעֶען! ווער ווייס? צווישען איבעֶרגעדראָשעֶנען שטרוי קאָנן זיך דאָך אַ מאָל געפֿיננען אַ קאָרנדעל ווייץ, און צווישען מיליאַרדען נייע אידעֶען, קאָנן זיך דאָך געפֿיננען איין אָמת'עֶ אידעֶע.

און געפֿינט זי זיך, ווער קאָנן איבעררעֶכֿענען דעֶן שאָדען, אָדער דאָס גוטס, וואָס אַ נייע אידעֶע קאָנן ברעֶנגען מיט זיך?

עֶס קאָנן זיין אַ בליץ. וואָס וועט אויף אָרט און שטעלל פֿער־שווינדען, און עטליכֿע שאָקק בלינדע היהנער ווֶעלען גאָר נישט וויססען פֿון איהם, און לייקענען שטיין און ביין, און עס קאָנן זיין אַ דוננער, און אַ דוננער איז שוין ניט קיין קלייניגקייט; ער קאָנן אַריינשלאָגען אין זאַמד פֿון סטעפּ און אויסדרעֶהען נור אַ גלאָזערן ראָהרעל, אַריין אין יַם און אויסגעהן ווי אַ ליכֿט; ער קאָנן אָבער אויך אַריין שלאָגען אין אַ הויז, און אָנמאַכֿען — גאָטט ווייס וואָס פֿאַר אַ שְׂרֵפָה... אײדער עס קומט די פּאָשוואַרנע קאָמאַנדעֶ, קאָנן פֿון אַ שטאָדט נישט בלייבען אַ שטיין אויף אַ שטיין...

גאָטט מיין אֵיינציגער! אַ נייע אידעֶע קאָנן דאָך גאָר אָנטפֿעֶרן אויף די אַללע ביטטעֶרע פֿראַגען, וואָס פֿרעֶססען אונס אויס דען מוח פֿון די קאָפּף; אויף די אַללע רעֶטעֶנישען, וואָס דרעֶהען אונס, ווי די אָגבער אין די געהירן — ווער ווייס!

און דעֶר, דעֶר שטעֶהט פֿאַר מיר און שמייכֿעלט! אַ נייע אידעֶע!

איך חאַפּ איהן אָן ביי אַ לאַץ:

— זאָג!

— דאָ, אין מיטטען גאַסס?

איך דאַנק גאָטט, וואָס מיר זעננען נישט ווייט פון אַ קאָנדיטאָריי...

* * *

נאָך עטליכע שליקק טהעע, ווייס איך שוין אין וואָס עס געהט.

די וועלט וועט זיך נישט איבער קעהרען, אויך וועט זי נישט פערברענט ווערען, עס וועט אפילו קיין שטורם-ווינד נישט זיין, אונ דען שטויב פון די גאַססען אין די אויגען אריין נישט יאָגען...

שמאי ראטמאַנן וויל נור מאַכען אַ נייע חברה!

אייגענטליך — אויך גוט!

— פערשרייב מיך!

— שוין!? וואונדערט ער זיך, דו ווייסט נאָך נישט וועגען וואָס עס געהט!

— אלץ איינס! זאָג איך — מיר דאַרפען נייע חברות; שלעכטע, גוטע, נאַרישע, קלוגע, אבי חברות, אבי עס זאָלל נישט זיין אַזוי טויט, זאָלל זיך רידערן...

זאָג וואָס דו ווילסט!

— איך וויל, — זאָגט ער, גרינדען אַ חברה דענקער!

— דענקער?

— יאָ, איינפאַך, דענקער...

— נאָך וואָס?

— האָר... נור, איך מוסס האָבען אַ גאַנצע פאָררעדע.

— נאָך בעססער! פאָררעדען האָב איך ליעב ווי דאָס לעבען, וועניגסטענס — מעהר אלס די ביכער... די פאָררעדע איז זעלטענער געננוממען...

— דו מאַכסט חוזק, בעלעדיגט זיך ראַטמאַנן.

— אונ דו האָסט מורא פאַר לצנות? דו, אַ מענש פון נייע

אידעֶן? דו דארפסט זיין גרייט אויף שטיינער ווארפען, אויף פויסטען, אויף פייער אונ וואססער...

— דאס אַלץ — אָנטפּערט ראטמאנן, שאדט נישט! דאס זֶענען, געוועהנליך, נור די הייבען אויף ווֶעלבּע אידעֶן וואקסען! נור חוֹזק מאַכען איז שטעֶכען מיט נאָדלען, דאס קאָנן אַ מעֶנש, ואָטש עֶר איז גרייט צום אויטאָ-דאפעֶ, נישט אויסהאלטען...

— איז נישט, נו! איך שוויג שוין, פערציילל!

אונ ראטמאנן פערציילט.

* * *

בּעמעֶרקט האָט ער, ראטמאנן, אז אַלץ האָבען מיר ליעב, נור נישט צי קלעֶרען.

— ווי הייסט?

— גאַנץ איינפאַך, מיר זֶענען פויל, שרעֶקליך פויל! אזוי צו ליעגען אויף דעֶן פרישען גראָז אונ יאָגען די וואָלקען אין הימעל...

— אָדער, — האקק איך איהם איבער, זיטצען אונ עֶססען אונ טרינקען.

— עֶט! מאַכט ראטמאן, עֶססען אונ טרינקען האָט מען וואס אַמאָל וועֶניגער, מען איז יוצא מיט אַ „יְהִי רָצוֹן", גלייך מען וואלט געגעֶסען, גלייך מען וואלט געטרונקען; נור וואָלקען אין הימעל פעֶהלען נישט, אונ אַללע מאָגען קוקען.

ליעגען מיר טאַקי אונ קוקען... טהייל שטודיערען מכלוֹ ר"שט אסטראָנאָמיע אונ ציילען די שטעֶרן: איינס, צוויי, דריי... ווי וויים איינער קאָנן!

מאַכט זיך אַ שטורם, שפּרינגען מיר אויף די פּיס, — דעֶמאָלט זֶענען מיר גרייט — צו ענטלויפען!...

וואו אַהין?

וואו דו ווילסט! רעֶכטס, לינקס, ווייטער אָדער צוריקק, נור עֶמיצער זאָלל זיין דער וועֶג-וויזער, דער עֶרשטער לויפער, דער טריק! (בּאָק).

מיר קאָננען געהען, מיר קאָננען, אַפּילו מיט די נעשוואָללענע פיס, לויפען, אַלץ איינס וואו אַהין, נור צוויי זאַכען: ערשטענס זאָלל זיין אַ טריק, אונ צווייטענס זאָלל ער זיך נישט אָבשטעללען אונ נישט פראָגען אונז אַלליין: וואו אהין? קלערען האָבען מיר פיינד, טראַכטען איז סם!

אין יעדען אונגליק, אין יעדער שלעכטער צייט, קוקען מיר זיך אום, צו וועט זיין די זייל, פון פייער צי פון וואָלקען, נור אַ זייל, וואָס זאָל זיך פאַר אונז רוקקען אונ ווייזען דען וועג.

קומט אַ משה, לאָזען מיר שטעהן די טאָפּ מיט פלייש, מיט די ציבעלים אין מִצְרַיִם אונ געהען איהם נאָך אין מִדְבָּר אריין; אין מיטטען וועג וויללען מיר מאַכען אַ'נ'אַנדערן ראש אונ — צוריק קיין גשן!... משה פערזוימט זיך אויפ'ן באַרג סִינַי, אונזערע וו‍ייבער האָבען ציהרונג, — אַ העָר! וועט זיין אַ גאָלדען־קאַלב!

אַ שליק טהיי אונ ראַטמאַנן רעדט ווייטער:

מען זאָגט, אַז צייטען בייטען זיך, נישט וואהר! דער אייגענער האַסס צום קלערען, צום טראַכטען, צום מְיַשֵׁב זיין; מיר זעננען פויל ווי מיר זענען אַמאָל געוועזען.

מיר האָבען ליעב דען שֶׁקֶר, נישט נור דערפאַר, ווייל ער איז אויסגעקאַמט, אויסגעפוצט אונ שמעקט פון פערפומים, נור ווייל ער איז זיכער, אונ זאָגט אַלץ אויף זיכער, גלייך ער וואָלט דערביי געוועזען. אַ מִזְבֵּחַ פאַר גאָטט? — וואהל, קוילען מיר קאָלבער! פאַרן מולך — נאָך בעסער! קינדער צום פערברעננען פעהלען נישט, — ווי עס איז — ער זאָגט בְּפֵירוּש, וואָס ער וויל, ער קלערט נישט אונ הייסט נישט קלערען!

די אֶמֶת וואָלטען מיר אויך אויסגעהאַלטען, נאַטירליך זאָלל זי פריהער זיך אָבשניידען די נאָגעל אונ נישט אויסדראַפּען, רעדענדיג, די אויגען; זאָלל זי נישט אַרומגעהען נאַקעט אונ באָרפוס אין די גאַססען, חַבְר'ן זיך מיט שניידער־ אונ שוסטער־יונגען... נאָך עפּיס: אין וואָס

וואהנען מיר? אין שטרויענע, הילצערנע און ווען אפילו שטיינערנע, נור אין אלטע אויסגעטרוקענטע הייזער — זאלל זי נישט ארומגעהן מיט'ן פלאקקער פייער אין דער בלוויזער האנד... א קליין-ליכטעל אין א גרויסען לאמטערן איז זיכערער... קאליערטע גלאזער — שאנער און בעססער! נישט די אמת איז געפאהרליך! צי די ערד דרעהט זיך ארום דער זונן צי פערקעהרט, איז דעם רב מיט דער רביצען גאר אלץ איינס, נור ווי מען האט געזאגט, אזוי זאלל זיין! נאך וואס קלערען אנדערש!

די פראגען, די רעטעניש, דאס קאפברעכען, דאס האט פיינד רב און קהל...

— וואס האסטו זיך געחאפט אן רב און קהל?

— און ווער איז בעססער? יעדער מענש, אפילו דער שאנסטער און דער בעסטער, לאזט זיך איבער א שטיק ארט אין מח, א שטיק „קדשי קדשים"; אהין לאזט ער קיינען און זיך אלליין נישט צו, דארט טאר מען נישט אקקערן, נישט זייען, נים ריהרען דען אלטען ווילדען דארן וואס צעוואקסט זיך, ווי אויף הייבען...

שלעכטע צייטען... ווייבער עמאנציפירען זיך, און וויללען די אוירינגלעך אויף גאלדענע קאלבער נישט געבען; די נביאים זענען איינם ביי איינם געשטארבען, — דעם פראפעססאר פאלב געראטה אין מאל אויף הונדערט מאל; מלאכים בעווייזען זיך נישט; זייט די בארשט האט ארוים געזאגט פון שטוב דען בעזעם, האבען די כשוף-מאכערי'נם נישט אויף וואס צו רייטען, גורל-ווארפען איז אוים מאדע, עס פאסט פאר א יונגען באקפיש צו רייסען בלאטליך פון באז: יא ליעב, נישט ליעב! אדער פאר א שיללער, ער זאלל דאס זעלבע טהון אויף די קנאפ פון מונדיר, נור דאס זענגען ליעבע-זאכען און יונגע לייט... אלטערע מענשען, און, למשל, ביי געזועלשאפטס-פראגען, געהט עס שוין נישט!

וואס-זשע טהוט מען? צולעגען קאפף גליסט זיך דאך נישט האבען מיר ערפונדען נייע כשופען, נייע גורלות...

כללים הייסט עס, דעוויזען, קלינגענדיגע ווארטער!

אַבי נישט קלערען!

יעדער כּלל, יעדער דעוויז, יעדעס קלינגענדיג וואָרט איז אַ שטיקעל מאַגנעס, אונ ציהט צו נשמות ווי שטויב!

דער שטויב פון נשמה'ליך, וואָס האַלטען זיך אָן איין מאַגנעס, איז אַ „ראָדעל", אַ חברה, אַ פּאַרטיי!

אַ גוטע זאַך איז דער בעוויז, ווי ניטצליך איז אַ קלינגענדיג וואָרט! מען האָט דיר אויסגעהאַקט אַ שויב, אונ דאָס געשריי פון הונגעריגע וואָלף רייסט זיך דיר אין שטוב אַריין אונ לאָזט נישט שלאָפען, — חאַפּ איין „איזם", אַ קלינגענדיגען „איזם" אונ פערשטעק דאָס לאָך, וועסטו וויטער רוהיג שלאָפען!

עס איז דיר אַ וואָרמעל מיט אַ קופּערן-פּיסקעל אַריין אין אויער, פון אויער האָט זיך עס אַריינגעגנב'עט אין די געהירן, אונ דליבעט, אונ דליבעט צום משוגע ווערען, חאַפּ אַ דעוויז, אונ הייב אָן שרייען, למשל:

די וואַכט אַם רהיין, די וואַכט אַם רהיין!

זינגען איז נאָך בעסער! דו מאָגסט אַפילו קיין דייטש נישט זיין; שריי, זינג — דאָס וואָרם'על וועט איינשלאָפען!...

האָסט וועניג קאָנווע אין קאָפּ, דיר אויסצושטריקען אַ גאַנצען סיסטעם, — אַ קלייניגקייט! מאַך גרויסע לאָבער אונ פערשטאָפּ זיי מיט דעוויזען, מיט קלינגענדיגע וואָרטער אונ דו ביזט אַ גאַנצער פילאָזאָף, אונ דו פערשטעהסט הימעל אונ ערד, אונ דיין אייגען לעבען אויך...

— וואָס'זשע ווילסט דו?

— איך וויל, — זאָגט ראַטמאַנן, — מענשען זאָללען זיך נישט אויס-רייסען די געזונדע אויגען אונ אַריינזעצען אויף זייער אָרט קאָליערטע גלאָזליך! מענשען זאָללען זיך נישט פערשטיפּען האַרץ אונ געהירן מיט קלינגענדיגע וואָרטער אונ וואָרטליך; איך וויל — מענשען זאָללען קלערען!

— אונ דיין נייע אידעע?

— מיין נייע אידעע איז טאַקי צו גרינדען אַ חברה אָהן „איזמען",

אָהן גלאָזליך... אַ חֶבְרָה פון מענשען, וואָס זאָללען זיך נישט שאָמען אַרומצוגעהן אין גאַסס מיט פראַגע־צייכען, אויף די שטערן; וואָס זאָללען נישט איין רעדען, נישט זיך, נישט יענעם, אַז זיי טוען אַלץ וויסען, אַז זיי ווייסען אַלץ... אַז זיי קאָננען הייל'ען קראַנק...

— וואָס וועט די חֶבְרָה טהון?

— קלערען וועט זי, שטודירען, אַלץ וועט זי וועללען וויססען, אַלץ דערגרינטעווען... אַ חֶבְרָה־מאַנן, אַז ער האָרט אַ קלינגענדיג וואָרט, פראָגט ער זיך און יענעם: וואָס בעטייט עס? וואָס זאָגט עס צו? אונזאָגט עס עפּיס צו, צי האָט עס אַ זיכערע היפּאָטעק, צי מאָג מען דערויף שטעללען? אַ חֶבְרָה־מאַנן, אַז ער האָרט אַ שפּרוך, פראָגט ער זיך און יענעם: פון וואָס בעשטעהט ער? וואו שטעקט דער כּשוף? מיט וואָס ציהט ער צו? און אויב ער זעהט, אַז עס איז אַ פערבלענדעניש, איין איינגערעדטע זאַך, שטעלט ער זיך אָב און בעווייזט רעכטס און לינקס, אַז עס איז אַ שֶקֶר!

ראטמאנן דערהיטצט זיך:

— יעדער חֶבְרָה־מאַנן איז מְחוּיָב צו ראַנגלען זיך געגען יעדען שווינדעל, געגען יעדען חָלוֹם, געגען יעדעם פוסטע וואָרט...

— און אויף דעם אָרט פון חֲלוֹמוֹת און פוסטע וואָרטער? —

— וועט די חברה געבען נייע אידעען...

מיט איין וואָרט ראטמאנן וויל פאַרלעגען אַ פאַבריק פון נייע אידעען...

יעדע פאַבריק דאַרף האָבען רוי מאַטעריאַל, — וואו וועט עס נעמען?

און בְּשַעַת איך האָר זיינע רייד, דאַכט זיך מיר, אַז איך זעה אַ וואונדערליך־בילד אין דער לופט.

אַ ווילד ברויזענדער יָם — אַ שיף איז אין געפאַהר, איין פאַליע וואַרפט זי צו דער צווייטער; נישט ווייט זעננען ראַפּען און פעלזען,

זי קאָנן זיך לייכט אָנשלאָגען און צערשמעטערט ווערען; און דער הימעל ווערט וואָס אַמאָל פינסטערער, די לעטצטע שטערן פער־שווינדען, די מענשען זעהען איינער דען צווייטען, נור ביים בליץ... און נאָך יעדען בליץ — געהט אַ דונער...

און נישט נור די מאַנסלייט ווילען רעטטען די שיף, — אַללע רייזענדע אַרבייטען מיט... קופּקעליך דערשראָקענע מענשען, דערשראָקענע און דענערוויערטע; אין מיטטען יעדען קופּקעלע רעגיערט איין אַנדערער, הייסט טהון עפּיס אַנדערש, און דער עולם פאָלגט און אַרבייט מיט די לעצטע קראַפטען... און ווערט דער עולם מיעד, שרייט מען פון דער מיטט אַרויס עטליכע הויכע, קלינגענדיגע, הייסע ווערטער, און דער עולם דערהיטצט זיך, בעקומט נייען כח, און אַרבייט ווייטער און ווייטער...

נור אַט רייסט זיך אָב איינער: —

— מען טהוט אָהן פערשטאַנד, אָהן וויססען, מען טהוט נור דורך קלינגענדיגע הויכע ווערטער „איזמען", און „איזמען" —

— קלערען דאַרף מען!

און ער בייגט אַוועק אָן אַ זייט, די שיף קנאַקט, דער דונער שלאָגט און שלאָגט, מענשען אַרבייטען מיט'ן לעטצטען אָטהעם און ער — ער קלערט...

ל"ץ.

אין קארלסבאד.

קארלסבאדער וואססער ציייבענט זיך מיט דעם אויס פאר אללע אנדערע וואססערן, וואס אויף געוויססע קראנקהייטען ווירקט עס באמת. דעריבער טאקי קומט מען זיך דא צוזאממען פון דער גאנצער וועלט, ארעם אונ רייך, אריסטאקראטישער אונ פראסטער עולם. די קארלסבאדער בעלי־בתים, פערשטעהט זיך, זעננען פון דעם צופריעדן, אבער נישט צו פריעדן זעננען די עלעגאנטע פרויען אין די רייכע טואלעטען, וויל שפאצירען מיט א פערפוצטער צערלאזטער שלעפפע, איז בעקוועם אין א באד, וואו עס געפינט זיך א קליינע עלעגאנטע געזעללשאפט, אונ זעהר אונבעקוועם צווישען המון־עם, אין ענגעניש פון טויזענדער ארעמע מענשען מיט געלע פנימער אונ אויפגעבלאזענע בייכער, וואו א ליאדע באהמישער פויער, אדער א רומענישער האנדלער, קאנן אהן שום צערעמאניע אנטראטען אויף דער רייכסטער זיידענער שלעפפע, ווי אויף איין אלטער צעריסענער קאפאטע.

דאס אריסטאקראטישע פובליקום האלט זיך טאקי צוריקק מיט אללע מאגליכקייטען, אונ וויל זיך נישט מישען מיט'ן גראבען עולם. גאנץ אפט איז א מיטלייד צו זעהן, ווי איין עלעגאנטע פרוי וואנדערט אומזאנסט אין אללערליי מיטטעל ארוים צו בלישטשען פון דער ברודיגער מאססע. עס איז צו בערויערן זייער מיה אונ, דערהויפט, זייער געלד, וואס געהט לאבוד אונ פיהרט נישט צו'ם ציעל; זיי מאכען אויף זיך נישט אויפמערקזאם אפילו די ברוננען־מיידלעך, וואס זעננען שטאנדיג בעשאפטיגט מיט'ן אנגיעסען די גלאזער אונ דערלאנגען דאס ביטטערע וואססער, אבוואהל דער דאקטאר האט מיר פערזאגט זיך גאר נישט צו'ם הארץ צו נעמען, דאך האב איך מיר ערלויבט דאס עגמת־נפש אונ די מיטלייד צו די בעליידיגטע

עֶלעֶגאַנטע דאַמען: אזא עַגְמַת־נֶפֶשׁ איז פּאָרט וועניגער שאָדליך, אלס קאָן צו עֶססען. איבריגענס, פּעֶהלען אויך נישט קיין אַנגענעֶהמע איינדריקע, דאָס ביסעל נַחַת, וואָס דער דאָקטאָר פערשרייבט, אַלס צולאָג צו דער קוראַציע. עֶס איז נעֶמליך זעֶהר אינטערעסאַנט צו זעֶהען, ווי די נויט וויל זיך קורירען: אויף יעֶדען שריט און טריט בעגעֶגענט מעֶן בַּעֲלֵי־מְלָאכוֹת, פּויערען, האָנדלעֶר, קליינע טשינאָווני־קעס און דעֶסגלייכען, שטיפזיהן און שטיפטאָכטער פון מַזָל. אַהעֶר געקוממען זעֶננען זיי מיט עֶטליכע גילדען, וואָס זיי האָבען אַ לאַנגע צייט מיט נויט־שוויים צו זאַממען געקליעבען. די אַללע זוכען אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה ביי די וואונדערבאַרע קוועֶללען און שטאַרבען דערווייל פאַר הונגער. וועֶגען אַ דאָקטאָר קוממט זיי אַפִילוּ נישט אין זיננען אריין; ווי פאַללט גאָר נישט איין צו פרעֶגען: צי ברויכען זיי קאַרלסבאַד, צי ניין. אין דער היים האָט מעֶן זיי געראַטהען קאַרלסבאַד, פאָהרט מעֶן און מען קוריערט זיך אַלליין. דאָ איז בֶּאֱמֶת פערהאַנען גאַנצע באַרג מאַטעֶריאַל פיר הומאָריסטען, אַ שמאַלץ גרוב פיר לֵצָנִים און חוזק־מאַכער.

— ווייסען זי, — מאַכט צו מיר אַ בעקאַנטער אַנשטענדיגער מעֶנש, — אָט דער יוד, וואָס זיצט דאָרט אויף דער באַנק, טרינקט שוין היינט דאָס אַכטצעהנטע גלאָז „שפרודעל".

— אונמאָגליך!

— נו, פרעֶגען זי איהן!

איך קוק מיך אום: אַ יוד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און פֵּאוֹת, — געוויסס אַ פּוילישער, קלעֶר איך מיר, און וועֶנדע מיך צו איהם אויף פויליש:

— פיעל וואַססער טרינקט איהר?

— וואָס איז? מען טאָר נישט? אֶנטווערט עֶר גלייך, — איך האָב די קור־טאַקסע בעצאָהלט.

— פאַר וואָס נישט? אֶנטוועֶר איך — אַ וַדַאי! איך האָב נור גלאַט אַזוי געוואָלט וויססען, וויפיעל גלאָזער דער דאָקטאָר האָט אייך פערשריבען.

180330

אַ טרוויריגער שמייכעל קרימט איהם אוים די ליפּען.

— וואָס טויג מיר אַ דאָקטאָר? מיין אייגענע קראַנק ווייס איך אַלליין. וועה טהוט מיר, נישט איהם, נו, פערשטעה איך מיך בעססער דעראויף, אַלס ער. נישט וואהר? פון וואַננען זייט איהר? פראָגט ער מיך.

— פון וואַרשאַ.

— איך בין פון טיקוטשין. אַ מְהַלֵך־וועגס! אַ שאָן־ביסעל הוצָאָה! פאַר דאָס געלד קאָן מען אַ גאַנצע סטאַדע גאָנז אָבשטעללען קיין סיביר! כ'בעט אייך, ווייסט איהר נישט, צי פערקויפט מען דאָ ערגיץ רעטור־בילעטען?

— כ'ווייס נישט.

— איך האָב געהערט, אַז אויף דער גראַניץ טרעפט זיך צו קויפען רעטור־בילעטען, אַז ס'איז פערהאַנען, זאָגט מען, פּאַסאַזשירען, וואָס וויללען נאָך פערבלייבען אין קאַרלסבאַד אַ לאָנגערע צייט, אָדער מיט איין אַנדערע באַהן פאָהרען, פערקויפען זיי ביללוג די רעטור־בילעטען.

ער זיפצט אָב און בלייבט שטילל.

— לאַנג שוין טרינקט איהר דאָס וואַססער? פראָג איך איהן.

— די קעשענע שרייט געוואַלד, אַז שוין לאַנג; די לעבער אָבער, פערקעהרט — זי פיהלט נאָך גאָר נישט. די קראַנקע לעבער וואָלט חאָטש אַ יאָהר געוואָלט זיין אין קאַרלסבאַד, און אֶפשר אין גאַנצען דאָ פערבלייבען. און איך, אוי ווּעה! אַ געשאָפט פאַר איין אָרימאַן!... כ'בעט אייך איבער, א י י ך וואָס איז?

— אויך אויף דער לעבער.

— אייך קוריערט אַ גוטער דאָקטאָר? וואָס האָט ער געהייסען טהון?

— טרינקען צוויי גלאָזער אַ טאָג און דיעט.

— דיעט איז ווערט אַ שפּיי; אַז איינער האָט נישט וואָס צו עססען, האָט ער אַליין שוין דיעט; נור פאַר וואָס נור צוויי גלאָזער? אַז צוויי קאָננען העלפען, דאַרפען דאָך צעהן אָדער פופצעהן

א וודאי און אַ וַודאי העלפֿען?

— אֶמת; נור זיי קאָננען אויך אומברענגען.

— ניין, דער פֿאָן האָט אַ טָעות! דאָס וואַססער איז נישט קיין סם. אַ רעצעפּט, וואָס מעהר מען טרינקט איז בּעססער. מיר האָט דער טיקוטשינער פֿעלדשער בּפֵירוש געזאָגט: טרינק, וויפֿיעל דו קאָננסט; ס׳קאָסט איין געלד! כ׳טרינק טאָקי פֿון 12 ביז 18 גלאָזער אַ טאָג. דערפֿון איז מיר אֶפשר טאָקי בּעססער. כ׳האָב אפילו טהייל מאָל קאָפּשווינדעל, נור — גאָר נישט! נאָך דריי גלאָזער קריג איך אַפּעטיט, נאָך צעהן בּין איך שוין אין גאַנצען זאַטט. אייך האָט דער דאָקטאָר פֿערזאָגט מעהר ווי צוויי גלאָזער צו טרינקען?

— יאָ.

— אייער דאָקטאָר ווייס געוויסס, אַז איהר וועט דאָ פֿערווייללען 4—3 וואָכען; אַז איינער האָט אָבער נישט אַזוי פֿיעל צייט, מוז ער עס געשווינדער מאַכען.

ער שווייגט אַ ווייללע און פֿראָגט ווייטער:

— צו ווייס דער הערר ניט, צי עס איז פֿערהאַנן איין אָבּצאָהל פֿון וואַססער אויף דער גרעניץ?

— ניין, דאַכט זיך.

— איך האָב מיר שוין עטליכע פֿלאָשלעך אָנגעגרייט מיט צו־ בּעמען. דאָ, אויפֿ׳ן אָרט לאָזט מען נעמען, נור דאָרט אויף דער גרעניץ...

— איך מיין, מען לאָזט אַ דורך.

— איהר זייט דאָס ערשטע מאָל?

— ניין.

— פֿאַר וואָס דען ווייסט איהר אַזוי וועניג? איהר מוזט זעהר רייך זיין.

— נראָד נישט.

— אַ וואונדער! איהר ווייסט אַזוי וועניג...

— מען זאָגט דאָך פֿערקעהרט, אַז ווער עס האָט געלד איז קלוג?

— האָט ניט פֿאַראיבעל, איהר האָט אַ טעות. פֿיעל געלד גיבט איין אַנדערען שׂכל, וועניג — אויך איין אַנדערען. איך, למשל, אַז איך זאָלל פֿון מיין ביסעל געלד גאָר קיין שׂכל נישט האָבען, וואָלט איך ניט געקוממען קיין קאַרלסבאַד, כ'וואָלט קיין וואַססער ניט געטרונקען, אונ אפשר אין גאַנצען ניט געלעבט. איך מוז אָבער שׂכל האָבען אָבפֿאַרטיגען זיך באַלד אונ אַ היים פֿאָהרען געזונד. איך מ ו ס ס זיין געזונד! דער פֿאַן ברויך עס גאָר נישט, דאָס געהט איהם וועניג אָן.

— דאָס געזונד?!

— געוויסס! אַז דער פֿאַן האָט ניט אויפֿ'ן האַלז קיין וויב אונ קינדער מיט אַ גאַנץ־פּעקיל פֿון אַללערליי זאָרג, אונ האָט אין וואַרשא אַ הויז, אָדער ערגיץ אַ פֿאָלוואַרק, איז איהם דאָס געזונד גאָר נישט אַזוי נויטהיג. ער קאָנן זיך אין גאַנצען וואַהנען אין קאַרלסבאַד, דופֿען טאָג־טאָגליך דאָקטוירים, עססען פֿיש, טרינקען וויין. ווערט ווינטער־צייט קאַלט, פֿאָהרט מען זיך איבער אין די וואַרימע לאַנדער; איין עשׁר, אַז ער קאָנן שוין גאָר נישט געהן אויף די פֿיס, פֿאָהרט ער אין אַ קאַרעטאַ... ווער דאַרף געזונד? איך, דאַנגעגען, האָב אַ וויב מיט זעקס קינדער, אַ געוועלב, מילא, זיטץ איך נאָך אין געוועלב איז עס געוועלב, געה איך אָבער אַרוים, וואָס בלייבט? עטליכע הערינג; אַ פּאָאַר פֿונט זייף, אַ ביסעל קראָכמאַל, נאָדלען צוזאַממען — גאָר נישט. איך בין געוועזען אַ סוחר, אַ גרויסער סוחר, האָט מיר דאָס ערשטע וויב פֿערקראָנקט אַ האַלב־פֿערמאָגען, דאָס אַנדערע האָט מיך צום רעשט בדלות געשטעללט אונ איז אויך געשטאָרבען. יעצט האָט זיך די קראַנק צו מיר גענומען... כ'בעט אייך, צי האָט די קראַנק טאַקי מורא פֿאַר'ן וואַססער?

— מען זאָגט אַזוי.

— מען זאָגט! הייסט עס, איך בין נאָך גאָר נישט זיכער, אַז מיין לעבער וועט ווערען צוריק לעבער, ווי אַמאָל! דער פֿאַן מאַכט חוזק פֿון מיר, דער רופֿא אונ דער רבי האָבען געזאָגט אויף זיכער זייט אַזוי גוט, וואָס וואָלט דער דאָקטאָר גענומען פֿאַר אַ וויזיט פֿון

אַ טיקוטשינער יוד? איך וואָלט מיר שוין אַנ׳עֵצָה געגעבען מכּוח געֶלד; ד׳וואָלט מיר אֶפשר געבאָרגט, — איך זאָל נור וויססען, אַז עֶס וועֶט העֶלפען!

— עֶס געפינען זיך דאָ עֶטליכע פּאָלנישע דאָקטורים. איך רעֶדען אַז יעֶדערער וואָלט אייך געראַטהען אומזאָנסט, ווענן עֶר וואָלט נור זיכער וויססען, אַז איהר זייט אָרעם.

— איך בּין זעֶהר אָרעם, נור אומזאָנסט וויל איך ניט. בְּחִנָּם איז אַ דרייער ניט ווערט; אַז איך ווע֗ל איהם גאָר נישט געֶבען, וועֶט עֶר מיר אויך גאָר נישט געֶבען, אַבּי אַקוק טהון, אַקלאַפּ אין בּויך געֶבען אונ זאָגען: טרינק וואַססער. איך האָבּ דאָס אויך שוין געפּרוּבּט; מען האָט מיר אין וואַרשא געגעֶבען אַ בּריעף צו אַ דאָקטאָר, וואָס היילט אָרעֶמע אומזאָנסט, עֶר האָט אָבער מיך גאָר נישט אויסגעהאָרט, עֶר האָט גאָר געֶרעֶדט מיט׳ן לאָקאַי, וואָס פּאַר אַ בּילעֶט עֶר זאָל איהם קויפען אויפ׳ן קאָנצעֶרט, אונ אין מיטטען מיר דערווייל געהייסען געֶהן. דער פעֶלדשער אין טיקוטשין האָט אין גאַנצען צוויי גילדען גענומען, האָט עֶר מיר דאָס גאַנצע לייבּ אויסגעשמיערט. וואָלט עֶר נור געקאָננט, דעֶר פעֶלדשער, וואָלט עֶר דעֶר בּעֶסטער דאָקטאָר אין דעֶר וועֶלט געוועֶזען. צו פיהלט זיך דעֶר פּאַן שוין געֶזונד נאָך צוויי גלאָזער וואַססער?

— יאָ.

— איך וואָלט אויך געוואָלט פּראָבּירען נור צוויי גלאָזעֶר צו טרינקען; די וואָך געֶהט אָבּער אַדורך, אונ וואָס ווע֗ל איך האָבען? אין גאַנצען 14 גלאָזער! אונ לאָנגער, ווי אַ וואָך, קאָנן איך נישט פערבּלייבען. ווייבּ אונ קינד בּרויכען אויך צו לעֶבען, אַז איך זאָל דאָ אזוי פיעל געֶלד פַּטֶר׳ן, וואָס וועֶט זיין, אַז איך ווע֗ל אַהיים קוּמען. דאָ, אין קאַרלסבּאַד קאָנן מען קיין דרייער נישט פערדיענען; איך האָבּ אַפילו געוואָללט איינהאַנדלען אַביסעל בּיימוואָלנע טיכלעך, עֶטליכע פּעֶקלעך פּריסישע ציגאַרען, נור, ווייסט איהר דאָך, אויף דעֶר קאַממער!... דעֶר פּאַן האָט געזעֶהן ווי מען רעווידיערט דאָרט אין אַלעקסאַנדראָוו? אַז מען בּעקומט אַ יוד, שאָקעלט מען איהם,

ווי מיט איין אֶתרוג... איך בעט אייך איבער, וואָס פאַר אַ שטיינער איז פערהאַן אין די לעבער? צי פּראָסטע שטיינער, אָט ווי דער ברוק אין דער גאַסס?

— ווייכּערע.

— אונ זיי צוגעהען אינ'ם וואַססער?

— מע זאָגט אַזוי.

— דער פאַן ניצט אַ גרויסען דאָקטאָר, אונ ווייס אַלס נישט אויף זיכער? צי ווייס דער דאָקטאָר אַליין נישט, צי איהר פרעגט נישט?

— אַלץ איינס! אַבי געזונד צו זיין.

— דאָס האָב איך דאָך געזאָגט: אייך איז אַלץ איינס, אָבער נישט מיר. איך קאָנן דאָ נישט מעהר, ווי איין וואָך זיין, אונ נאָך אַ מאָל וועל איך אַ וַדאי אַהער נישט קוממען, ד'האָב אַ ווייב, קינדער, אַ געוועלב!...

ער דערלאַנגט דאָס גלאָז, בעקוממט עס צוריק פולל, אונ טרינקט עס אויס.

— דאָס וויפיעלטע? פרעג איך!

— לאָזען זיי צעהלען. בעקאַנטע יודען האָבען מיר געזאָגט, אַז דער קוואַלל טריקענט אַ סך מאָל אויס, אונ דעמאָלס טהוט זיך דאָ מַעֲשִׂים, אונ דעריבער האָט דאָס מאַגיסטראַט געבעטען די דאָקטוירים זיי זאָללען וועניג וואַססער פערשרייבען פיר די קראַנקע עס זאָלל נישט פעהלען. נור וואָס געהט עס מיך אָן?

— זייט רוהיג. ס'ועט נישט פערפעהלען. אַז מען וואָללט וואַססער געקאַרגט, וואָלט מען עס דאָך נישט אָבגעלאָזט אין טייך אַריין.

— אויך אָמת. דער פאַן איז איין אָרענטליכער מענש, דעם פאַנ'ם דאָקטאָר מוסס אויך זיין אַ פיינער מענש: לאָז דער פאַן אַזוי גוט זיין אונ פרעגען איהן: וויפיעל גלאָזער וואַססער ברויך צו טרינקען איין אָרימער יוד, וואָס האָט אַ ווייב, זעקס קינדער אונ אַ געוועלב אין טיקוטשין, אונ קאָנן נישט מעהר ווי איין וואָך דאָ

זיין ? דער פּאַן זאָלל איהם זאָגען, אַז דער יוד האָט גאַנץ אָפּט שטאַרקע יִסוּרִים אין לייב, — אַז ער איז טהייל מאָל געלב, ווי אַ וואַקס, אַז דעמאָלס קאָנן ער נישט עססען, נישט טרינקען אונ שרייט . . .

— קיין שום דאָקטאָר קאָנן נישט ראַטהען אונטער די אויגען .

— אַ שפּאַס, וואָס ער האָט דאָ צו זעהן ? וואָס וועט ער מיר אין די לעבער אַיינקוקען ? איך פערשטעה — ער ברויך נור מיין גולדען צו זעהן, אַ גולדען דאָס איז 80 קאָפּ., ס'איז גענוג פאַר מיין ווייב אונ קינד אויף פיער טאָג צו לעבען ! נו, פון דעסטוועגען וועל איך איהם געבען אַ גאַנצען גולדען, נור איך זאָלל וויססען אויף זיכער, דער פּאַן פערשטעהט ? ער זאָלל צו זאָגען אויף זיכער.

— פערזיכערען קאָנן קיין דאָקטאָר נישט .

— ער קאָנן גישט ?! נו, דאַרף מען נישט ! וועלל איך בעססער טרינקען וויפיעל איך ווילל, אונ אַ גראָשען נישט געבען .

אונ ער האָט נאָך אַ מאָל דערלאַנגט דאָס גלאָז .

איך בין אַוועק געגאַנגען, כ'האָב איהם אַפילו נישט געזאָגט, אַז קוריערען זיך איז נישט פאַר איין אָרעמאַנן, אַז ער וועט זיך נישט אוים היילען פון זיין קראַנק . פונקט ווי ער וועט זיך נישט אויס־קוריערען פון זיין נויט . . .

ביי געלעגענהייט מאַך איך אויפמערקזאַם די הערען הומאָריס־טען אויף דעם פאַקט, וועלכער קאָנן זיי גענוג שטאָף געבען .

געוואָהנליך ענדיגט זיך יעדע טראַגעדיע מיט אַ געלאָכטער . ס'איז קיין שום צווייפעל נישטאָ, אַז דער יוד, וואָס פירשט ראַדזיוויל האָט איהם געהייסען אַרויף קריכען אויף אַ בוים נאָכמאַכען אַ „קוקו" אונ האָט איהם דער נאָך געשאָססען, — דער יוד האָט בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה געמוזט פיהלען עפּיס אַ וועהטאָג, — נור דאָס איז דעם יוד'ס זאַך ; אונזער זאַך, ווידער איז, צו לאַכען. אַז אַ יוד טרינקט אַכטצעהן גלאָזער היים וואַססער אַ טאָג, אונ האָט נישט אַ גולדען פאַר'ן דאָקטאָר — לײדעט ער געוויסס, נור דאָס איז אויך נור זיין זאַך, מיר אָבער זוכען שטאָף צו הומאָריסטישע בילדער אָדער גלאַט אַנ־

בענעהמע איינדריקע, אויף דעם וועננען מיר דאך אין קארלסבאד; איך קאנן מיר נישט מאטערען דעם קאפ מיט צופיעל קלארען, דער דאקטאר פערזאגט עס שטרענג, אונ ביי מיר איז געבליעבען די פראגע: וויפיעל מענשען וואללטען זיך געקאננט אויסקוריערען פאר דעם געלד, וואס איז בעצאהלט געווארען אין מאגאזין פאר דעם פערפוצטען רייכען פאווי־פעדער פון דער רייכער פרוי, וואס דרעהט זיך ארויף אונ אראב נעבען מיר, אונ שמייכעלט אזוי חנ'ריג?...

פ. שוויענטאחאווסקי.

* *
*

אויפ'ן הימעל די לְבָנָה
שווימט פערטרויערט אונ פערקלערט;
מיט איהר היילינ-געלען פנים,
קוקט זי פרום אראב אויף ד'ר'ערד.

זי געדענקט אין אלטע צייטען
האט מען זיך צו איהר געבוקט,
פיר א גאטטין זי געערעבענט,
אויף איהר הילף ארוים געקוקט.

נור די וועלט איז קלוג געווארען,
אונ זי קרענקט אונ ליידט דער פון:
אללע ווייסען, אז זי גנב'הט
ליכט אונ שטראהלען ביי דער זונן...

א. רייזען.

יִרְמְיָהוּ׳ס בְּרִיעף.

(אגרת ירמיהו — כתובים אחרונים).

I

און אין בָּבֶל וועט איהר וואהנען,
צווישען פרעמדע פֿאָלקער לעבען,
דאָרט, וואו גאָטט האָט אייך פערטריעבען,
ביז עס קומט די צייט!

דאָרט אין בבל וועט איהר וואהנען,
צווישען פרעמדע פֿאָלקער לעבען,
און וועט פרעמדע זיטטען זעהען —
פרעמדע גלויבען, פרעמדע גאָטטער,
שרעקט אייך נישט פיר זיי!

דאָרט אין בבל וועט איהר זעהען,
אויף די אַקסעל גאָטטער טראָגען,
שיין געשניצטע, פיין געקליידטע —
גאָלד-און זילבער-גאָטצען!

זיי פון פאָרענט לויפט איין עולם,
הינטען לויפט זיי נאָך אַ מענגע;
אַלטע, יונגע, מאַנגער, פרויען —
שווייגען מוזט איהר, נור אין הארצען
לאַכט אייך אויס פון זיי!

זעהט די צונגען ביי די גאָטצען:
האָט אַ מייסטער אויסגעשלאָגען,
אויסגעשניצט און אויסגעקינצעלט,
פון דעם ריינסטען גאָלד!

נור פערגעססען האָט דער מייסטער,
אויסצולערנען די געשמידטע
צונגען, חאָטש אַ וואָרט!

און געשמאַק האָט אויך דער מייסטער!
אויסגעפוצט האָט ער די גאָטטער,
ווי אַ כלה צו דער חופה —
קרוינען אויף די קאָפּ!

נור פערגעססען האָט דער מייסטער
אין די קאָפּף אריין צושלאָגען
שכל, חאָטש אַ פונק!

גאָלד און זילבער האָט דאָס גאָטטעל;
עס בעשטאָהלט איהם דאָך דער פריסטער
און פערשווענדט זיין גאָטט׳ס פערמאָגען,
זיינע קליידער אין די הייזער,
וואו ער דאַרף נישט זיין!

און וואָס העלפען זיי די קליידער,
גאָלד און זילבער פיין געשטיקטע,
אַז זיי קאָננען זיך נישט וועהרען
פאַר דער קלענסטער מילב?

אַז מען טהוט זיי אָן די קליידער,
נעמט אַ פעדערוויש דער פריסטער,
רייניגט אויס דאָס גאָטטער־פנים,
ווישט זיי אָב די נאָז!

שטאָלץ שטעהט מאַנכער, ווי איין ריכטער,
אין דער האַנד אַ בינטעל ריטטער, —
מאָגסט דאָך שפייען איהם אין פנים
שמייסען קאָנן ער נישט!

אַי, נאָך שטרענגער איז דער צווייטער:
אין דער האַנד אַ שווערט אַ שאַרפע
צי אַ שווערע האַקק!

ליידער, קאָנן ער זיך נית שיטצען
פיר אַ גנב, איבערשרעקקען
אויף דער וואַנד אַ פליעג!

אַז זיי זיטצען אין די טעמפעל
און די גאָצענדיענער קוממען,
און זיי בוקען זיך, און קניען,
וועֶרט דערפון אַ שטויב.

שפעטער פאלט דער שטויב ארונטער,
און פערשווארצט דאס געטטער-פנים,
און פערבלאנדט די געטטער-אויגען,
און בעשמוצט די קרוין.

פאר גנבים מוז דער טעמפעל
זיין פערמאכט אויף שלאס און ריגעל;
נישט די געטטער שיטצען מענשען,
מענשען שיטצען זיי!

אט עס קוממט די נאכט און פריסטער
צינדען ליכטער פאר די געצען;
העלל-בעלייכטע געטטער שיינען,
דאך דאס גלאנצט נור גאלד און זילבער—
זעהען זעה'ן זיי נישט!

און עס הייבען פון דער ערד זיך
אויף די ווארמלאך, און זיי קריכען,
אויף די קליידער פון די געטטער,
פון די קליידער אויף די לייבער,
און זיי שטעהען אונבעהאלפען
קעגען קליינע ווארם!

און עס פליהען דורך די פענסטער
פלעדער-מייז ארייין אין טעמפעל,
און ווי פראנק און פריי זיי פליהען,
פון איין געטטער קאפ צום צווייטען,
ס'יאגט זיי נישט אוועק!

און די זונן זעהט יעדען מארגען
פלעדער-מייז-פערשמיצטע געטטער,
און זי זעהט אויך, ווי עס קוממען
און עס וואשען זיי די פריסטער,
און זיי פוצען, און זיי שוויטצען
ביז דער גאטט ווערט ריין!

II

טהייער זענען דאך די געטצען,
ווייל עס שטעקט אין זיי פערמאגען,
זילבער, גאלד און מייסטער-ארבייט —
נור קיין לעבען נישט!

מאכט א קריעג זיך — פרעמדע פאלקער
וויללען ס'גאנצע לאנד בעצווינגען;
וועללען שיטצען זיי די געטטער?
וועללען געבען הילף?

ניין! עס האפען זיי די פריסטער
און ענטלויפען, און בעהאלטען
זיך צוזאממען מיט די געטצען
ערגיץ אין א הייל!

און, אז ס'ברעכט ארויס א פייער
אינ'עם טעמפעל, און די פריסטער
רעטטען קוים דאס אייגנע לעבען,
און די געטצען ברעננען.

ווי א מענש פון שטרוי קאנן היטען
פאר גנבים פעלד און שייער,
אזוי שיצען אויך די געטצען
פאלקער, לאנדער, שטאדט!

אוי, די געטטער, האטש זיי זענען
פון דעם רייניסטען גאלד געגאססען,
מיט די קליידער און די קרוינען —
אוי, די געטטער, האטש עס קניען
פיר זיי מאססען און געגעהנען
זיי קרבנות — אוי, די געטטער
איז קיין קלענסטער ווארם מקנא,
ווייל זיי לעבען נישט!

ווי פאר טויטע שטעלט מען פאר זיי
עסען טרינקען, פעטטע פליישען;
דאס בעגנבענען די פריסטער,
און פערקויפען, און די ווייבער
זיי פערזאלצען און בעהאלטען
אויף א שלעכטען טאג! —

י. ל. פרץ.

גִּיוּאַי דֶע מָאפַּאסַאן.

שִׁמְעוֹן'ס פָּאטֶער.

עֶס האָט געשלאָגען צוועֶלף דעֶר זייגער. די טהירען פֿון דעֶר שוהלע האָבען זיך געאָפֿענט, אונ די יונגליך, שטויסענדיג איינס דאָס צווייטע, האָבען זיך אַלאָז געטהון צו דעֶר טהיר, ווי אַס שנעללסטען אַרויסצוקריגען זיך פֿון קלאַס. נור אַנשטאָט צו צולויפֿען זיך, ווי געוועֹהנליך, אַהיים אויף מיטטאָג, האָבען זיי זיך אין דרויסען, נאָך עטליכע שריט, אָפּגעשטעֶלט, צונויפֿ־געשלאָגען זיך אין קליינע קופּקעלעך אונ שטיללער־הייט געסוֹר'עט.

עֶס איז געגאַנגען וועֶגען שִׁמְעוֹ'נען, פֿרוי בלאַנשאָטעס זוהן, וואָס איז היינט צום עֶרשטען מאָל געקוממען אין קלאַס אריין.

יעֶדער פֿון זיי האָט אין דעֶר היים געהאֶרט פֿון בלאַנשאָטע'ן. צווישען מעֶנשען, זעֶנען זיך אַללע מיט איהר גוט בעגאַנגען, דאָך אונטער די אויגען האָבען די מוטטער'ס גערעֶדט וועֶגען איהר מיט אַמין פֿעראַכטונג אונ רַחֲמָנוּת צו זאַממען. דאָס האָט זיך איבערגעגעֶבען די קינדער, חאָטש זיי האָבען נישט געוואוסט וועֶגען וואָס עֶס געהט שִׁמְעוֹנ'ען האָבען זיי נישט געקאָננט; עֶר פֿלעֶגט נישט ארויסקומען פֿון דעֶר היים, אונ איז קיינמאָל נישט מיט זיי צוזאַממען אַרומגעשפרונגען אין די גאַססען, אָדער ביים טייך. דאַריבער אַליין האָבען זיי איהם נישט ליעב געהאַט אונ זיי האָבען דערפֿרייט אונ פֿערוואונדערט אויסגעהאֶרט, אונ איבערגעגעֶבען איינער דעֶם צווייטען די מַעֲשֶׂה, וואָס זיי האָט דעֶרציילט אַחֲבֵר, אַ 14—15 יאָהריגער יונג, וואָס האָט, ווי עֶס האָט אויס געוויזען, אַלץ געוואוסט אָקוראַט, אַזוי זיכער האָט עֶר געבלינצעלט מיט די אייגען.

— איהר ווייסט... שִׁמְעוֹן... עֶר האָט דאָך קיין טאַטען

נישט... אין דער איינענע רֶגַע האָט זיך בלאַנשאָטעס זוהן בעוויזען אויף דער שוועל פון דער שוהלע.

ער האָט אויסגעזעהן פון אַ יאָהר זיעבען, אַכט; דאָס איז געוועזען אַ ציכטיג, בלאַס, שעמעוודיג אונ, כִּמְעַט, אַנישט רירעווי־דיק יונגעל. ער האָט געוואָלט געהן אַהיים צו דער מוטטער, נור די יונגליך האָבען איהן, שושקענדיג זיך אונ קוקענדיג אויף איהם מיט ליסטיגע אונ שלעכטע בליקקען, ביסלעכוויז ארומגערינגעלט פון אללע זייטען, ער איז געבליעבען צווישען זיי אַ פאַרוואונדערטער, אונ אַ צוטראָגענער, אונ האָט ניט געקאָננט פערשטעהן, וואָס מען וויל דאָ מיט איהם מאַכען. דער יונג, וואָס האָט פיר אַללע פערציילט די מַעֲשֶׂה, האָט זיך אַצינד געשפּירט שטאָלץ פון רושם, וואָס זיין ערציילונג האָט געמאַכט אויף זיינע חֲבֵרִים, אונ ער האָט שִׁמְעוֹנ׳ען פלוצלינג געפרעגט:

— זאָג נור, ווי רופט מען דיך?

— שִׁמְעוֹן, האָט ער געאָנטפערט.

— שִׁמְעוֹן, אונ ווי נאָך? האָט ער איהן ווידער געפראָגט.

דאָס יונגיל האָט איבערגעחזר׳ט פערקלעמט: — „שִׁמְעוֹן".

— מען הייסט נישט פראָסט שמעון... דאָס איז קיין נאָמען נישט — שמעון... האָט זיך אויף איהם אָנגעוואָרפען דער יונג.

אונ שמעון האָט כִּמְעַט וויינענדיג, געאָנטפערט צום דריטטען מאָל:

— איך הייס פּאָרט שמעון!

די קינדער האָבען זיך צולאַכט, אונ דער יונג האָט מיט טריאומף נאָך געשריען: „נו, אַצונד זעהט איהר, אז ער האָט קיין טאַטען נישט".

עס איז פלוצלינג שטילל געוואָרען, די קינדער זענען געבליעבען שטעהען פערבליפט פון דעם אוננאַטירליכען, אונמאָגליכען נייעס: אַ יונגעל אָהן אַ טאַטען. זיי האָבען איהם אָנגעקוקט, ווי אַ ווילדע זאַך, אונ האָבען געשפירט, ווי אין זיי שטאַרקט זיך די פעראַכטונג

צו איהם, די זעלבע וואָס עס האָבען געשפּירט זייערע מוטטערס צו זיין מוטטער ב ל אָ נ ש אָ ט ע ן, אונ וועלבע זיי האָבען ביז יעצט נישט פֿערשטאַנגען.

ש מְ ע ו ן האָט זיך דערווייל אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים, ער זאָלל נישט אומפֿאַללען. דערשלאָגען פֿון זיין אונגליקק, איז ער געשטאַנען אונ געטראַכט וואָס צו זאָגען, נור ער האָט גאָר נישט געפֿונען מיט וואָס צו פֿעראָנטפֿערן זיך, פֿאַר וואָס ער האָט קיין טאַטען נישט. ענדליך איז ער אין גאַנצען רויט געוואָרען אונ האָט אויסגעשריען: „ניין, איך האָב אַ טאַטען!"

— נו, וואו־זשע איז ער? האָט געפֿראָגט דער זעלבער יונג.

ש מ ע ו ן האָט געשוויגען, דאָס האָט ער נישט געוואוסט.

די חֲבֵרים האָבען געלאַכט אויפֿגערעגט, אונ די קינדער, וואָס זענען אויפֿגעוואַקסען צווישען די פֿעלדער אַזוי נאָהנט צו די טהירע האָבען דערשפּירט די ווילדע תַּאֲוָה פֿון היהנער צו דערשלאָגען אַ גערענייעטע חֲבֵרְתֶּ'ע. ש מ ע ו ן האָט פּלוצלינג בעמערקט זיין קליינעם שָׁכן, איין אַלְמָנָה'ס אַ זוהן, וועלבען ער פּלעגט אויך שטענדיג זעהען איינעם אַלליין מיט דער מוטטער.

— אונ דו — האָסט אויך נישט קיין טאַטען, האָט ער געפֿראָגט.

— ניין, איך האָב יאָ, האָט יענער געאָנטפֿערט.

— נו, אַ וואו איז ער? האָט ש מ ע ו ן ווידער געפֿראָגט.

— ער איז געשטאָרבען, האָט דאָס יונגעל מיט גרויס פֿרייד געאָנטפֿערט, — אויפֿ'ן בֵּית־עוֹלָם איז ער, מיין טאַטע...

אַ רַעש פֿון צופֿריעדענהייט האָט זיך געלאָזט הערען צווישען די קונדסים, גלייך ווי דאָס, וואָס זייער חַבר'ס טאַטע ליעגט אויפֿ'ן גוטען אָרט שטעלט דעם יונגעל זעהר הויך, דערפֿאַר אָבער ערנידעריגט עס ביז גאָר ד ע ם, וואָס האָט אין גאַנצען קיין פֿאָטער נישט. אונ די קונדסים, וואָס ס'רוב פֿון זייערע טאַטעס זענען געוועזען פֿאַרדאָרבען: שִׁכּוֹרים, גַּנָּבִים, טיראַנען געגען זייערע ווייבער, האָבען זיך אַליץ נאָהנטער אונ נאָהנטער צוגעדריקט איינער צום צווייטען, גלייך ווי זיי, כּשֵׁר'ע קינדער, וואָלטען געוואָלט דערדריקען ד ע ם, וואָס איז

געבוירען געוואָרען נישט על פּי דין...

פלוצלינג האָט איינער פון זיי, וואָס איז געשטאַנען נאָהנטער צו שמעון׳ען, איהם פרעך אַרויסגעשטעקט די צונג און האָט אויסגעשריען:

— אָהן אַ טאַטען! אָהן אַ טאַטען!

שמעון האָט איהם מיט ביידע האַנד אָנגעכאַפּט פאַר די האָאר און האָט איהם געקאָפּיעט מיט די פיס, בעת יענער האָט איהם שרעקליך געביססען אין דער באַק. די מלחמה צווישען זיי, איז געוועזען אַ שטאַרקע.

נור מען האָט זיי פערנאַנדער געריססען. שמעון איז אַרויס פון געשלאָג אַ צוהר׳גטער מיט צעררסענע און איינגעשמוטצטע קליידער, און די קונדסים האָבען איבער איהם חוזק געמאַכט און שטאַרק געלאַכט; אַז ער האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און האָט מעכאַניש אָנגעהויבען אָבצורייניגען זיין פערשמוצטע בלוזע, האָט עמיצער אויסגעשריען:

— געה דערצייל דיין טאַטען!...

דעמאָלט האָט ער דערפיהלט, אַז עס האָט זיך איהם עפּעס אין האַרץ אָבגעריססען. זיי זענען געוועזען שטאַרקער פאַר איהם, זיי האָבען איהם גוט אויסגעשלאָגען און ער האָט זיי גאַר נישט געקאָננט אָנטפערן, ווייל ער האָט געפיהלט אַז ער האָט טאַקי באמת׳ן קיין טאַטען נישט. צוליעב זיין שטאָלץ האָט ער זיך אייניגע סעקונדען געשטאַרקט נישט אַרויסצולאָזען די טרערען וואָס האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען, נור זיי האָבען איהם געשטיקט און ער האָט זיך שטיללער-הייט פערנאַנדער געוויינט, ציטערנדיג מיט זיין גאַנצען קערפּער.

אַ ווילדע שמחה האָט אָנגענומען זיינע שונאים, און פונקט ווי די ווילדע מענשען, ווען זיי פייערן זייערע שרעקליכע שמחות, האָבען זיי אָנגעהויבען צו טאַנצען אַרום איהם! זינגענדיג דערביי:

— אָהן אַ טאַטען! אָהן אַ טאַטען!...

שמעון, ווילד פאַר כעס, האָט פלוצלונג אויפגעהערט צו

ווײנען: אונטער זײנע פֿיס זענען געלעגען שטײנער, ער האָט זײ אױפֿגעהױבען און האָט זײ מיט אַללע זײנע כּוחות געװאָרפֿען אױף זײנע פֿײניגער. אין צװײ, אָדער אין דרײ האָבען די שטײנער געטראָפֿען און זײ האָבען זיך אָנגעהױבען צוצולױפֿען מיט אַ געװײן, אױף די איבעריגע איז געפֿאַללען אַ פּחד, אַזױ גרױזאַם האָט ער אױסגעזעהען. געמײנע מענשען און איבערהױפּט דאָס פּעבעל, קריגען שטענדיג מורא פֿאַר אַ צורידערטען מענשען; זײ זענען זיך צולאָפֿען און פֿערשװאונדען געװאָרען.

אַז דאָס „ױנגעל אָהן אַ טאַטען" איז געבליעבען אַללײן, איז איהם געקומען אַ געדאַנקען אין קאָפּ אַרײן, װעלכער האָט פֿעראָגדערט אַללע זײנע מחשבות און ער האָט גענומען לױפֿען אין פֿעלד אַרױס.

ער האָט זיך געװאָלט װאַרפֿען אין טײך אַרײן.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַ נ׳אָרעמער בעטלער האָט זיך פֿאַראַבּמאָגען, אַרײן געװאָרפֿען אין װאַססער, װײל עס איז בײ איהם אױסגעגאַנגען דער לעצטער גראָשען. שמעון איז פּונקט דענסטמאָל געװעזען, װען מען האָט דעם אָרעמאַן אַרױסגענומען פֿון װאַססער, און דער אונגליקליכער מענש, װאָס איז איהם שטענדיג אױסגעקומען זעהר שמוטציג, און עקעלהאַפֿט, האָט איהם דאַן איבעראַשט מיט זײן רוהיג שטיללען אױסזעהען, מיט זײנע בלאַססע באַקקען, מיט דער לאַנגער נאַססער באָרד און מיט די אָפֿפֿענע, רוהיגע אױגען. די מענשען װאָס זענען אַרום איהם געשטאַנען האָבען געזאָגט: „ער איז געשטאָרבען", אײנער האָט צו געגעבען, — „ער איז איצט גליקקליך". — און שמעון׳ען האָט זיך פֿערװאָלט זיך דערטרינקען דערפֿאַר, װאָס ער האָט נישט געהאַט קײן פֿאָטער, פּונקט װי יענער אָרעמאַנן—דערפֿאַר װאָס ער האָט קײן געלד געהאַט. —

ער איז גאַנץ נאָהענט צוגעגאַנגען צום װאַססער און האָט זיך אײנגעקוקט, װי דאָס װאַססער פֿליסט. אײניגע פֿישלעך, שװימענדיג נאָהענט פֿון אױבען אין רײנעם דורכזיכטיגען װאַססער האָבען זיך אַ װאָרף געטהון, אום צו כאַפּען די קלײנע פֿליעגעליך, װאָס האָבען

זיך ארומגעדרייט הארט און נאהנט צום וואססער. ער האט זיך פערטראכט איינקוקענדיג אויף די פישלעך, און האט אויפגעהערט צו וויינען. נור, פונקט ווי, ווען דער שטורמווינד הייבט זיך אן צו שטיללען, האפען זיך אויף די שטארקע שקוואלען, וועלכע צו ברעכען בוימער, אזוי פלעגט איהם מינוטענווייס דורכלויפען דורכען קאפ, ווי א שארפער וועהטאג, דער געדאנקען: „איך וועל מיך דערטרינקען, וויל איך האב קיין טאטען נישט"...

עס איז געוועזען הייס. די ברענענדיגע זונן האט געווארעמט די גראז. דאס וואססער האט געפינקעלט ווי א שפיגעל, און עס איז געוועזען מינוטען, וואס שמעון האט זיך געשפירט אין איין אנגענעהמער לאגע, ער האט זיך געפיהלט, ערמידעט, אזוי ווי געוואהנליך נאכ'ן וויינען, און איהם האט זיך דענסטמאל שטארק פערגלוסט צוצולייגען זיך אויפ'ן גראז אין דער ווארעם. א קליין-גרין זשאבעלע האט א שפרונג געטהון נעבען זיינע פיס. ער האט עס געוואלט חאפען, נור עס האט זיך אויסגעדרעהט און אוועקגעשפרונגען; ער האט עס אנגעהויבען נאך צו יאגען, נור דריי מאל נאך אנאנדער איז איהם נישט געלונגען. צום סוף איז איהם דאך געלונגען אנצוחאפען עס פאר די הינטערשטע פיסלעך, און ער האט זיך פערנאנדער געלאכט אנקוקענדיג ווי דאס ארעמע בעשעפעניש האט זיך געשטארקט ארויסצורייסען: עס פלעגט זיך צוזאממען ציהען אויף זיינע הינטערשטע שטארקע פיסלעך און נאכהער פלעגט עס נאך אנאנדער האסטיג אויסגלייכען זיי און אויסשטארענדיג זיינע גרויסע קיילעכדיגע אויגען מיט גאלדענע שווארצאפפעל, האט עס געקלאפט אין דער לופטען מיט די צוויי פרייע לאפקעס, מאכענדיג מיט זיי בעוועגונגען, גלייך ווי מיט האנד; דאס האט איהם דערמאנט א שפילצאצקע: פון צוויי שמאלע הילצערנע ברעטלעך קרומס איינער צו דער אנדערער צו געשלאגען, ווען מען פלעגט זיי ביגען אין פערשיעדענע זייטען פלעגען זיך בעוועגען די פאפירענע סאלדאטען, וואס זענען געוועזען צו זיי בעהעפט, און פלעגען מאכען פערשיעדענע

גרימאַססען. דאַן האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין היים, אָן זיין מוטטער אונ ער איז זעהר טרויעריג געוואָרען אונ האָט ווידער אָנגעהויבען צו וויינען. אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען איבער זיין גאַנצען קערפער; ער האָט זיך אַנידער געשטעלט אויף די קניע אונ האָט אָנגעהויבען צו בעטטען גאָטט מיט דער זעלבער געבעט, וועלכע ער איז צוגעוואהנט געוועזען צו בעטטען פאַר'ן שלאָפען געהן; נור ער האָט קיין קראַפטען געהאַט צו ענדיגען, אונ ער האָט זיך שרעקליך צערווייגט. ער האָט גאָר נישט געטראַכט, גאָר נישט געזעהען, נור שטאַרק געוויינט אונ געוויינט.

פלוצלינג האָט זיך אַ שווערע האַנד אַראָבגעלאָזט אויף זיינע פלייצעס אונ אַ גראָבע שטיממע האָט איהם געפראָגט:

— וואָס איז דיר, יונגעלע? —

שמעון האָט זיך אומגעדרעהט. אַ הויכער מענש, אַן'אַרביי־טאָר, מיט אַ שוואַרצע באָרד, מיט שוואַרצע געקרויזעלטע האָאר אויפ'ן קאָפ, האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ רחמנות'דיגען בליק, ער האָט געאַנטפערט חליפענדיג אונ בעגיססענדיג זיך מיט הייסע טרערען:

— זיי האָבען... האָבען מיך געשלאָגען... וויל... דערפאַר... וואָס איך... האָב נישט קיין טאַטען... וויל איך האָב נישט קיין טאַטען...

— ווי הייסט, האָט געשמייכעלט דער מענש, אַ טאַטען האָט יעדערער...

דאָס יונגעל האָט פון עגמת־נפש קוים אויסגערעדט:

— איך האָב נישט... איך האָב נישט...

דער אַרבייטער איז ערענסטער געוואָרען; ער האָט דערקאָנט בלאַנשאָטעס זוהן, אַבוואָהל ער איז אין דעם געגענד נאָך געוועזען אַ פרעמדער, דאָך האָט ער שוין אַ ביססעל געוואוסט פון דער געשיכטע.

— נו, יונגעלע, האָט ער געזאָגט, נעם זיך נישט צום האַרצען; קום צו דיין מאַמען, עס וועט זיך שוין געפינען אַ טאַטע אויך.

זיי זענען געגאנגען. דער פרעמדער מענש האט שמייכלענדיג געפיהרט דאס יונגעל ביי דער האנד. איהם איז נישט צו ווידער געווען זעהען בלאנשאטען, וועלכע איז געווען, לויט ווי מען האט געזאגט, איינע פון די שאנסטע מיידלעך פון דער געגענד; אונ מאגליך, דאס ער האט ביי זיך געטראכט: די יוגענד, וואס איז אמאל נאריש געוועזען, קאנן לייכט זיין, איז היינט נישט קליגער... זיי זענען געקומען צו זעהר א ריין קליין-הייזעל.

— דא! האט געזאגט דאס יונגעל אונ האט אויסגעשריען: „מאמע!"

עס האט זיך בעוויזען א פרויענצימער. דער ארבייטער האט שנעלל איינגעהאלטען זיין שמייכעל: ער האט פון ערשטען בליקק פערשטאנען, אז ער האט נישט געטראפען דאס ארט... אז עס איז שוין נישטא וואס צו מאכען מיט דער הויכער, בלאסער פרוי, וואס שטעהט אזוי שטרענג ביי דער טהיר, גלייך ווי זי וואלט געוואלט פערהיטען פון א מאנספערשוין דאס הויז, וואו זי איז שוין איינמאל געווארען אבגענארט. נישט דרייסט, מיט דעם היטעל אין דער האנד, האט ער ארויסגערעדט:

— מאדאם, איך האב אייך דא געבראכט אייער זוהן, וואס האט פערבלאנזשעט.

נור שמעון האט זיך געווארפען דער מוטטער אויפ'ן האלדז, אונ האט וויינענדיג געזאגט:

— ניין, מאמע, איך האב מיך געוואלט דערטרינקען, ווייל די יונגליך האבען מיך געשלאגען, ווייל... ווייל איך האב קיין טאטען ניט.

א פייערליכע רויטקייט האט בעדעקט דער יונגער פרוי'ס געזיכט: ער האט געטראפען מיט זיינע ווארטער טיעף אין איהר הארץ, זי האט מיט גרויס ליעבע ארומגענומען איהר קינד, אונ הייסע טרערען זענען איהר גערונען איבער איהר געזיכט. דער געריהרטער ארבייטער איז געבליעבען שטעהן אויף איין ארט אונ נישט געוואוסט, ווי מען געהט דא אוועק, נור שמעון איז

פלוצלינג צוגעלאָפּפען צו איהם און האָט איהם געפראָגט:

— איהר ווילט זיין מיין טאַטע?

עָס איז שטילל געוואָרען. בלאנשאָטע האָט זיך נור אנגעשפּארט שטום אָן דער וואַנד, צונויפּליינענדיג די האָנד אויפ'ן הארצען. דאָס קינד, זעהענדיג, אז מען ענטפערט איהם נישט, האָט ווייטער גערעדט:

— אויב איהר ווילט נישט, געה איך מיך טרינקען.

דער אַרבייטער האָט זיך צערלאַכט און געאָנטפערט:

— געוויס, אַוודאי וויל איך.

— טאָ, ווי רופט מען דיך? האָט איהם דאָס יונגעל געפראָגט,— מיר וועט עָס צונוטץ קוממען, אז זיי וועללען מיך ווידער פראָגען.

— פיליפּ, האָט דער אַרבייטאָר איהם געאָנטפערט.

שמעון האָט אַנ'אויגענבליק געשוויעגען, גלייך ווי ער וואָלט איינגעהאַרט דעם נאָמען, ער זאָלל איהם נישט פערגעססען, נאָכהער האָט ער זיך גאָנצליך בערוהיגט, אויסגעצויגען זיינע האָנדליך, און געזאָגט:

— נו, גוט, פיליפּ. הייכט דאָס דו ביסט מיין טאַטע.

דער אַרבייטאָר האָט איהם אויפגעהויבען, האָט איהם שטארק געקושט איןביידע באַקען און איז שנעלל אוועק געגאַנגען.

אויף מאָרגען, אז דאָס יונגעל איז ווידער געקומען אין שוהלע אריין, האָבען איהם די יונגלעך בעגעגענט מיט אַ בייז-געלעכטער; ארויסגעהענדיג פון דער שוהלע, אז זיי האָבען ווייטער געוואָלט מאַכען פון איהם ס'גילעכטער, האָט ער זיי געשליידערט די וואָרטער ווי אַ שטיין: „מיין טאַטען רופט מען פיליפּ"!.

א פריילכער געפילדער האָט זיך געהאָרט פון אללע זייטען.

— פיליפּ... וועָר פיליפּ?... וואָס איז אַזונס פיליפּ?... פון וואַנען האָסט דו גענומען אַ פיליפּ?

שמעון האָט נישט געאָנטפערט. פעסט אין זיין איבערצייגונג, האָט ער מיט די אויגען אַרויסגערופען זיינע שונאים צו מִלְחָמָה, ער איז געוועזען גרייט ווערען צום טויט געהרג'ט, איידער זיך זיי אונטערגעבען זיי. דער לעהרער פון דער שוהל'ע האָט איהם בעפרייט

און ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין מוטטער.

אין פערלויף פון דריי מאָנאַטען פלעגט דער הויבער ארבייטער פ י ל י פּ אָפּטערס פארביי געהן פאר ב ל אַ נ ש אָ ט ע ס שטיבעל, אָפּטמאָל פלעגט ער זיך אַנידערשטעללען רעדען מיט איהר, און ער האָט זי געטראָפען מיט אַ געגנעה ביי'ם פענסטער, זי פלעגט איהם האַלב=אייננעהאַלטען אָנטפערן, קיינמאָל פלעגט זי נישט לאַבען מיט איהם און קיינמאָל נישט פארבעטען צו זיך, נור ער, ווי אַללע מאָננער, האָט ליעב געהאַט איינרעדען זיך. אַז זי פלעגט רויט ווערען ווען זי פלעגט מיט איהם רעדען.

אַ גוטען נאָמען, ווען מען פערליהרט איהם איינמאָל, איז שווער איהם ניכט לייכט צוריק צו בעקומען. נישט קוקענדיג אויף ב ל אַ נ ש אָ ט ע ס פּאָרזיכטיגקייט, האָט מען שוין ווידער וועגען איהר גערעדט אין דאָרף. ש מ ע ו ן ווידער האָט זעהר ליעב געהאַט זיין נייעם פאָטער, און כּמעט טאָג טאָגליך פלעגען זיי ביידע געהן שפּאַצירען פאר נאַכט נאָך דער אַרבייט. די שוהלע פלעגט ער בעזוכען פּינקטליך, און פלעגט זיך האַלטען גדלות'דיג מיט זיינע חברים. פלעגט זיי נישט אָנטפערן אויף זייערע פראַגען. דאָס יונגעל, וואָס האָט זיך מיט איהם פון אָנהייב גערייצט, האָט איהם איינמאָל געזאָגט:

— דו ביסט אַ ליגנער! דו האָסט נישט קיין טאַטען פ י ל י פּ !

— ווי הייסט איך האָב נישט? האָט איהם ש מ ע ו ן ערענט געפראָגט.

— ווען דו וואָלסט געהאַט אַ טאַטען, וואָלט ער דאָך געוועזען דיין מאַמעס מאַן, האָט איהם דאָס יונגעל געאָנטפערט, רייבענדיג איין האַנד אָן דער אַנדערער.

ש מ ע ו ן האָט פערשטאַנען, אַז זיין חבר איז עפּעס ווי גערעכט, דאָך האָט ער געאָנטפערט:

— פ י ל י פּ איז אָבער פאָרט מיין טאַטע.

— זעהר מאָגליך, האָט דאָס יונגעל שמייכלענדיג איהם געאָנטפערט, ער איז דאָך נישט אין גאַנצען דיין טאַטע.

בלאַנשאָטעם יונגעל האָט אַראָבגעלאָזען זיין קאָפּ און איז פֿערטראַכטערהייט אוועקגעגאַנגען אין דער קוזניע, וואו פֿיליפּ האָט געאַרבעט.

די קוזניע האָט אויסגעזעהען ווי פֿערגראָבען אונטער בוימער. אינערוועניג איז געוועזען פֿינסטער, און נור דאָס רויטע ליכט פֿון שרעקליכען קוימען האָט געוואָרפֿען אַ שטאַרקען אָבגלאַנץ אויף די פֿינף פֿיגורען פֿון קאָוואַליעס, וואָס זענען געשטאַנען מיט פֿערקאַשערטע אַרבעל און האָבען געקלאַפּט מיט האַמערס אָן די קאָוואַדליעס. זיי האָבען אויסגעזעהען אין דעם פֿייער, ווי די שוואַרצע רוחות און האָבען קיין אויג נישט אַראָבגעלאָזט פֿון דעם רויטען שטיק אייזען, וועלכען זיי האָבען שרעקליך געקלאַפּט.

שמעון איז אַריין אונבעמערקט, ער איז צו געגאַנגען צו זיין פֿריינד און האָט איהם אַ צופּ געטאָהן ביי׳ם אַרבעל, יענער האָט זיך אומגעקוקט. די אַרבייט האָט פּלוצלינג אויפֿגעהערט; אַללע פֿינף אַרבייטער האָבען איהם אָנגעקוקט. און דאַן, צווישען די אונגעוואָהנליכע שטילקייט, וואָס איז פּלוצלינג געוואָרען, האָט זיך געלאָזט הערען שמעונ׳ס שטיללע קול:

— האָר, פֿיליפּ, מיין חבר מישאָד האָט מיר ערשט נישט לאַנג געזאָגט, אַז דו ביסט נישט אין גאַנצען מיין טאַטע.

— ווי הייסט?

דאָס יונגעל האָט איהם מיט פֿאָללער איינפֿאַכקייט געענטפֿערט:

— דערפֿאַר, וואָס דו ביסט נישט מיין מאַמעס מאַן.

קיינער האָט זיך נישט צולאַכט. פֿיליפּ האָט אַראָבגעלאָזען זיין קאָפּ און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם האַמער, וואָס ער האָט געהאַלטען אויף דער קאָוואַדלע, און האָט זיך פֿערטראַכט. זיינע חברים האָבען איהם אָנגעקוקט, און דער קליינער שמעון שטעהענדיג צווישען די העלדען, האָט אונמוטהיג געוואַרט אויף אַ תּשובֿה.

פּלוצלינג האָט איינער פֿון די שמידען, פּונקט ווי ער וואָלט געענטפֿערט אויף דעם געדאַנקען, וואָס האָט זיי אַללעמען

אינטערעסירט, געזאָגט פ י ל י פּ ע ן:

— יעָדענפאַלס איז ב ל אָ נ ש אַ ט ע אַ העָכסט, גוטע, אַנ־שטעָנדיגע און אַ אָרעָנטליכע פרוי, נישט קוקענדיג אויף איהר אונגליק, און זי איז ווערט אַ אָרעָנטליכען ערליכען מאַן, חאָטש זי איז אונגליקליך.

— גאַנץ געווים, האָבען די איבריגע דריי מיטגעשטימט.

דעָר אַרבייטער האָט ווייטער געזאָגט.

— און באמת'ן קאָנן מען דען זי בעשולדיגען אין איהר אונגליק? מען האָט איהר צו געזאָגט חתונה צו האָבען מיט איהר. איך קאָנן גאַנץ פיעל פרויען, וואָס מען אַכטעט יעצט, חאָטש זיי זעָנען פיעל מעהר שולדיג, אַלס זי.

— וואָס אַ נ'אָמת, איז אַנ'אָמת, האָבען אַללע דריי צוזאַממען געאָנטפערט.

עָר האָט ווייטער געזאָגט.

— און וויפיעל האָט די אָרעמע איבערגעליטען, איידער זי האָט איהר יונגעל ערצויגען! וויפיעל טרעָרן האָט זי פערגאָססען דערויף וואָס זי האָט זיך ניט געקאָנט עָרגיץ בעווייזען, דאָס וויים איין גאָטט!

— אָמת, האָבען איהם צוגעשטימט די איבעריגע. —

עָס האָט זיך געלאָזט האָרען דעָר פייף פון בלאָזאַק, וואָס האָט פערנאַנדער געבלאָזען די קוילען אויפ'ן קוימען. פ י ל י פּ האָט זיך האַסטיג איינ־געביינגען צו ש מ ע ו נ'ע ן.

— געָה זאָג דיין מאַמען, אז איך וועָל היינט קוממען מיט איהר עָפּעס איבעררעָדען.

און עָר האָט אָנגענומען דאָס יונגעל פאַר די פלייצעס און האָט איהם אַרוים געשטופט פון דעָר קוזניע. —

מעָן האָט זיך צוריקק גענומען צו דעָר אַרבייט, און אַללע פינף האַממערס האָבען ווי איינער מיט אַ מאָל אַ קלאַפּ געטהון אָן דער קאַוואַדלע.

אַזוי האָבען זיי געשלאָגען דאָס אייזען ביז אין דעָר נאַכט.

פ י ל י פּ ס האַממער האָט געקלאַפּט פעסטער און שטאַרקער פון אַלעמענס, און עָר האָט אַ גאַנצען טאָג מיט ברעָנענדיגע אויגען

געאַרבייט, אונ די רויטע פֿונקען האָבען געשפּריצט אַרום איהם נאָך יעָדען קלאַפּ פֿון זיין פֿעסטער האַנד. —

דעָר הימעל איז שוין געוועָזען אויסגעשטערנט, אַלס עָר האָט אָנגעקלאַפּט אין בלאַנשאָטעס טיהר, אָנגעטהון אין אַ יום טוב־דיגער בלויזע אין אַ פּריש־ווייס־העמד אונ מיט אַ פֿערנאַנדער געקאָמטער באָרד.

די יונגע פֿרוי האָט זיך בעוויזען אויפֿ'ן שוועָל אונ האָט איהם מיט פֿאָרוואורף געזאָגט:

— איהר טהוט נישט גוט, העָרר פֿיליפּ, וואָס איהר זעננט אַזוי שפּעָט געקומען.

עָר האָט עָפּעס געוואָלט אָנטפֿערן, נור עָר האָט נישט געוואוסט, ווי אָנצוהייבען, אונ איז געבליעבען שטעָהן נעָבען איהר.

אונ זי האָט ווייטער געזאָגט:

— איהר פֿערשטעָהט געוויס, אַז מעָן דאַרף מעָנשען נישט אויפֿרייסען די מיילער.

דאַנן האָט עָר געאָנטפֿערט:

— דאָס וואָלט גאָר נישט געשאַדט, ווען איהר וואָלט נאָר געוואָלט ווערען מיין ווייב.

קיינער האָט איהם נישט געאָנטפֿערט, עָר האָט דערהאָרט אַ גערויש, פּונקט ווי דאָרט אין פֿינסטערען שטיבעל וואָלט אַ מעָנשען־קערפּער אַנידערגעפֿאַללען. עָר איז שנעָלל אַריין אין שטוב, אונ שמעון וואָס איז שוין געשלאָפֿען אין בעט, האָט דערהאָרט אַ קוש אונ אַ לייכט פֿליסטערן פֿון ווערטער וואָס זיין מוטער האָט גערעָדט. נאָכהער האָט עָר ערפּיהלט, דאָס זיין גוטער פֿריינד האָט איהם אויפֿגעהויבען אויף די האַנד אונ אַרויפֿזעצענדיג איהם אויף זיינע ריזיגע דאָלאָניעס, האָט אָויסגעשריען:

— דו זאָג זיי, דיינע חֲבֵרִים, אַז דיין טאַטע איז דעָר שמיר פֿיליפּ, אונ — אַז ער וועט אָפּרייסען די אויערען אויב עָמיצער וועט דיך וועלען בעליידיגען.

אויפ'ן צווייטען טאג, אז אין דער שוהלע האבען זיך שוין אללע קינדער צוזאממען געקליעבען, און די ליעקציע האט זיך שוין געזאלט באלד אנהויבען, האט זיך אויפגעהויבען דער קליינער שמעון און א בלאססער, מיט ציטעריגע ליפען, האט ער גאנץ דייטליך ארויסגעזאגט:

— מיין טאטע איז פיליפ רעמי דער קאוואל, ער האט געזאגט אז ער וועט אפרייסען די אויערן דעם, וואס וועט וועללען מיך בעליידיגען.

דאס איצטיגען מאל האט קיינער נישט געלאכט, ווייל זיי האבען אללע גוט געקאנט פיליפ רעמי דעם קאוואל, און זיי האבען געוואוסט, אז דאס איז געוועזען אזא פאטער, מיט וועלכען יעדער מאג שטאלצירען.

בויער און זוהן.

(פאבעל)

דאס קינד טאנצט און שפרינגט.
דאס קינד פריילך זינגט:
— „אח, טאטישע, זעה נור, ווי אונזערע קארען —
מיט בלומען אין גאנצען פערוואקסען געווארען״!

עס ענטווערט דער בויער
מיט צארען און טרויער:
א, נארישער זוהן דו! מיר וועללען אומקומען!
מיר דארפען נור ברויט, א, וואס טויגען אונז בלומען!

קלמן רייזען.

פּאָעזיע.

I.

מִיךְ צִיהט.

מִיךְ צִיהט אַהִין,
וואו דְ'עֶרְד אִיז גְרִין, —
דֶער הִימֶעל בְּלוֹי,
וִוי פֶּערל דֶער טְהוֹי,
וואו ס'אִיז אֵייבִּיג מַאי;
וואו עֶס לֶעבֶּען
אוּנ עֶס שְׁוֶועבֶּען
אַללֶע פֵאגֶעל פְרַאנְק אוּנ פְרַיי;

מִיךְ צִיהט אַהִין,
וואו ס'טְרָאגְט דִי לוּפְט
פוּן בֶּעז, יַאשְׁמִין
דֶעם זִיסֶען דוּפְט;
וואו עֶס הֶארְט זִיךְ אִין דֶער שְׁטִיל
נוּר אַ זוּמֶען
בַּיי דִי בְּלוּמֶען,
פוּן דִי שְׁמֶעטֶערְלִינְגֶע פִיעל.

מיך ציהט, מיך ציהט,
מיין זעעלע פליהט;
אָ, נעהם מיך מיט,
דאָ לאָז מיך ניט —
אָח, דאָס לעבען איז דאָ ענג!...
דאָ איז טרויריג,
דאָ איז שוידיג,
און עס ציהט מיך, און איך בענג!..

II.

די פריהלינג–זונן קוקט אין מיין פענסטער
אריין, און זי לאכט:
וואס ביזטו, אָ, נאררישער מענש,
פערטרויערט, פערטראכט?

איך האָב אויך געליטען ווי דו:
עס האָבען פערשטעלט
די וואָלקען די גראָהע פון ווינטער
מיין ליכט פיר דער וועלט.

דאָך זעננען זיי מעהר ניט ווי וואָלקען —
זיי שווינדען ווי רויך,
און איך בין געבליעבען א זונן,
און איך לייכט פון דער הויך!

III.

לֶעבֶּען ווילְלְט זִיךְ . . . אָח, דָאס לֶעבֶּען
הָאט אִין זִיךְ אַזוֹי פִּיעל חֵן,
נוּר אִיךְ קֶאנֶן גָאר נִישְׁט עֶרְרֵייכֶען
דָאס וָואס לִיעב אִיז, דָאס וָואס שֵׁיין.

לֶעבֶּען ווילְלְט זִיךְ... נוּר אִיךְ קֶאנֶן נִישְׁט—
כּחוֹת דַארְף מֶען הָאבֶּען מֶעהר...
שְׁטַארְבֶּען . . . אוּנ פֶערְלָאזֶען אַללֶעס—
אָח, דָאס אִיז מִיר אוֹיךְ צוּ שְׁווֶער!

אוּנ מַיין לֶעבֶּען אִיז גֶעגְלִיכֶען,
צוּ אַ לָאמְפּ מִיט וֶוענִיג נַאפְט:
וֶוערֶען וֶוערְט עֶר נִישְׁט פֶערְלָאשֶׁען,
בְּרֶענֶען הָאט עֶר נִישְׁט קֵיין קְרַאפְט!..

IV.

אִיךְ ווֵייס נִיט וָואס הָאבּ אִיךְ,
אִיךְ ווֵייס נִיט וָואס פֶעהלְט מִיר;
אִיךְ ווֵייס נוּר — דִי לִיכְטִיגֶע
זוּנן אִיז פֶערְשְׁטֶעלְט מִיר.

אִיךְ ווֵייס נִיט וָואס זִינְג אִיךְ,
צִי לִיעבֶּע, צִי צָארֶען;
אִיךְ ווֵייס נוּר — מַיין הַארְץ אִיז
פֶערְשַׁרְפְּ'ט גֶעוָוארֶען.

איך ווייס ניט, צי לעב איך,
צי בין איך געשטארבען;
איך ווייס נור — פערשימעלט
איז אלין, אונ פערדארבען...

V.

ווען דער הימעל אויסגעשטערענט,
אונ פערצעהלט פון פרייד אונ גליק;
כ'האב זיין שפראכע אויסגעלערנט,
צייט איך האב ערקאננט דיין בליק.

צייט דיין בליק איז מיר פערלאשען,
אונ פערשוואונדען, ווי ארויך,
רעד איך נור אויף שטערן־לשון,
אונ איך רוף דיך פון דער הויך! —

VI.

ליכטיג אויפ'ן הימעל
גלאנצען אללע שטערען;
אח, זיי זענען וועלטען
וויל מען אונז ערקלערען.

זאללען מיר עס גלויבען
אז די שטערען זיינען
וועלטען? — איז דען מאגליך
וועלטען זאללען שיינען?

אך, זיי וואלטען אויסזעהן
פינסטער שווארץ און טרויעריג,
און דער בלאהער הימעל
וואלט געקוקט, ווי שויעריג.

און עס וואלט פון דארטען
זיך געהערט א טימעל;
ניט קיין רעגען – גיעסען
וואלט זיך בלוט פון הימעל...

אברהם רייזען.

הערבסט.

(פאלקס-מאטיוו).

און ווי עס קוממט דער אביען,
דא ווער איך אן מיין שטאלץ;
עס פראגט דער ווינד מיך צארניג:
צי האסטו, קבצן, האלץ?

דער רעגען פאטשט אין פענסטער,
און רוישט, און בייזערט זיך:
איך מאך אין נאס א בלאטע,
צי האסטו גאנצע שיך?

א, ר.

צווישען בלומען.

באלד קוק איך אן
ווילד־רויטען מאן;
פערשייט און צופלאסכען,
מיט פלאממען בעגאססען,
  ווינקט ער פון צווישען די זאנגען...

קבעוואונדער, ווי ס'שיעסט
צום הימעל די רויז;
עס פלאטטערט איהר שוים,
זי ציטטערט און פליעסט
  מיט הארציג און דופטיג פערלאנגען!

אינ'עם חופה=קלייד
שטעהט די ליליע פיין;
ווי דער פרישער שניי,
ווי דער הימעל ריין...
  נישט זי האט מיין הארץ דאך געפאנגען!

ס'פערשטעקט זיך שטיל אין גראז
א בלימעלע אקליינס,
א פיינ'ס,
אבלאה'ס, —
  און ס'ציהט מיך מיט אייזערנע צוואנגען!

י. ל. פרץ.

פָאלְקְס־מָאטִיוו .

שְׁטֵיינֶערְנֶע פַּאלַאצֶען ,
אַייזֶערְנֶע בַּאלְקָאנֶען ,
טְרֶעפּ פוּן וַוייסֶען מַארְמָאר ,
גָאלְדֶענֶע סַאלָאנֶען ;

קְרִיסְטָאל׳נֶע שְׁוִוירַאנְדָאלֶען
בְּלַאנְקֶען דוּרְךְ דִי שׁוֹיבֶּען . . :
דָארְט וֶועט מַיין גֶעלִיעבְּטֶער
זִיךְ אַ כַּלָה קְלוֹיבֶּען .

זִיךְ אַ כַּלָה קְלוֹיבֶּען ,
שֶׁענֶער אוּנ גֶעזִינְטֶער ,
אוּנ אִיךְ וֶועל דָא פוֹילֶען ,
ווי אַ בְּלַאט אִים ווִינְטֶער . . :

י. ל. פרץ.

דִי צְווֵיי וַואנְדֶערֶער

(נאכאהמונג).

פוּן פְרֶעמְדֶען לַאנְד דֶער יוּנְגֶעל ,
פוּן אֵייגֶען לַאנְד דֶער מַייךְ
עֶס לִיעגְט אֵיין וֶועג פַאר בֵּיידֶען
אוּנ וַואנְדֶערְן בֵּיידֶע גְלֵייךְ .

דער יונגעל קוים ער שלעפט זיך
פערשמאכט אונ שטום, אונ מיד;
דאס טייבעל שפרינגט זיך לוסטיג
אונ רוישט איין פרעהליך־ליעד.

זיי געהען ווייט אונ ווייטער —
די ווערסטען אהן א צאהל...
עס בלייבען הינטער ביידען
נור ליעגען בארג אונ טהאל...

אונ פלוצלינג האבען ביידע
געטוישט זיך מיט דעם גאנג:
דאס טייבעל געהט אהן רוישען,
דער יונגעל — מיט געזאנג.

וואס פרעהט ער זיך דער יונגעל
אונ טאנצט אזוי הערום?
אונ וואס איז יעצט דאס טייבעל
געווארען פלוצלינג שטום?

דאס טייבעל האט פערלארען
זיין היים, זיין קלארען זאנד;
דער יונגעל האט דערזעהען
זיין ליעבע היים, זיין לאנד.

יורק קאפלאן.

* *
*

מיר ברענגט נישט קיין רוה'
די פינסטערע נאכט;
איך שטעה ביי דעם טייכעל,
איך שטעה און איך טראכט...

עס ציהט זיך דאס טייכעל,
געדרעהט ווי א שלאנג,
און פליעסט זיך, און געהט זיך
זיין עביגען גאנג.

עס מורמלען די וועללען
און טאנצען אוועק...
עס ציהט זיך דאס טייכעל
אהן אנהייב, אהן עק.

מיר דאכט זיך מיין ליעבע
האט וויעדער ערוואכט...
איך שטעה ביי דעם טייכעל
איך שטעה און איך טראכט...

עס שלאפט ניט דער שטן,
ער כשפ'ט און רופט...
א ווילדער בית־עלמן
ערשיינט אין דער לופט.

עס שטעהען די בוימער
געהויקערט און קרום,
עס בלאנשען פערדארטע
מקעלעטען ארום.

און פלוצלינג, מיר דאכט זיך,
איך האב זיי דערקאנט:
זיי האב איך בעגראבען
מיט איינענע האנד...

* *
*

נו, קום שוין, פערלאז שוין דיין צוכטהויז,
געפאנגענעם קינד!
איך איל אין מיין וועג, דאך בעפרייען
דיך וויל איך אצינד.

אונ קורץ איז מײן לעבען! ווי שאָטען
פערשווינדען די טאָג;
אונ יאהרען פערפליהען ווי וואָלקען, —
אונ ווייט איז מײן וועג.

אונ וויסט אונ מיט דאָרנער בעוואַקסען...
דאָך שרעק דיך נישט — קום!
אונ וויקעל די האנדעליך דײנע
אַן האלז מיר אַרום!

איך טראָג דיך מיט אָפענע אויגען,
מיט מאַכטיגע האנד,
וואס ברעכען, ווי שאַרבען, די ריעזיגע
מויערן אונ וואנד.

עס טרינקט זיך אונ זינקט דײן נשמה
אין קאָמפאָרט, אין פוּץ!
נישט דאָ איז דײן אָרט, וואו עס בלאַנקט
אונ עס שפּיעגעלט — דער שמוץ;

נישט דאָ איז דײן אָרט! אָ, דו האָסט נור
פערבלאָנדזשעט צו זיי!
גו, קום שוין אונ זאָל שוין דײן ברוסט
בעוועגען זיך פרײ!

ה. ד. נאמבערג.

דער עגל הזהב.

(נאָך היינע)

פליטען, שופרות, פויקען, פיעדעל,
שפיעלען צו צום אבגאָטט־ליעדעל;
אונ עס טאַנצען יעקב׳ס טאָכטער
אום דעם עגל רום־אונד־רום —
בים־באַם־בום —
פויקענקלאַפּ אונ גרויס געלאַכטער!

ס׳קלייד פערקאַשערט ביז די לענד,
האַלטענדיג זיך פאַר די האַנד,
עדלע בתולות — יחוס עכטער —
פליהען ווי אַ שטאַרקער ווינד
אום דאָס רינד —
פויקענקלאַפּ אונ גרויס געלאַכטער!

אהרן זעלבסט ווערט גאָר אין גאַנצען
שטאַרק פערהאַפט פונ׳ם ווילדען טאַנצען,
אונ ער זעלבסט, דער גלויבענס־וואַכטער,
טאַנצט אין כהן־גדול׳ס ראָק,
ווי אַ באָק —
פויקענקלאַפּ אונ גרויס געלאַכטער!

ד. פינסקי.

* *
*

שֶׁקֶר אִיז אַ יוּנג מִיט בֵּיינֶער
אוּנ עֶר זֶעהט אוֹיס הֶעלְדִישׁ־שֶׁאֹן ;
אוֹיף דֶער אֶמֶת קוּקְט נִישְׁט קֵיינֶער ,
הָאט בַּיי קֵיינֶעם נִישְׁט קַיין חֵן .

אוּנ דֶער שֶׁקֶר מִיט זַיין מֹחַ
דְרֶעהט דָאס רֶעדֶעל אוֹיף דֶער וֶועלְט,
גָאר אָהן מַאטֶערְנִישׁ , אָהן כֹּחַ ,
נוּר מִיט שְׁווינְדֶעל , אוּנ מִיט גֶעלְד .

אוּנ עֶר גֶעהט אַרוֹיס שְׁפַּאצִירֶען
רַייך גֶעקְלֵיידֶעט , עֶלֶעגַאנְט ;
חַבֶר'ט זִיך נוּר מִיט בַּאנְקִירֶען
פֶעסְט גֶעאַרֶעמְט הַאנְד אִין הַאנְד .

אוּנ וִוי קוֹפֶּער אִיז זַיין שְׁטֶערֶען !
שְׁטֶאנְדִיג זֶעהט אִיהר אִיהם זִיך מִישֶׁען
צְווישֶׁען גְרוֹיסֶע מִילְיָאנֶערֶען ,
אוֹיךְ אַ מָאל בַּיי גְרִינֶע טִישֶׁען . . .

אוּנ דִי אֱמֶת אַייְנְגֶעבּוֹיגֶען
וַואנְדֶעלְט טְרוֹי'רִיג , פִינְסְטֶער , שְׁוַוארְץ .
שֶׁקֶר שְׁטֶעכְט אִיהר אוֹיס דִי אוֹיגֶען
אוּנ פֶערְבְּלוּטִיגְט אִיהר דָאס הַארְץ . . .

יוסף קאפלאן

בֶּעטְטְלֶער־פִילָאזָאפִיע .

(נאַך היינע)

דִי רַייכֶע מֶענְשֶׁען , דִי גֶעווִינְט
מֶען נוּר מִיט גְלַאטֶע , פְּלַאכֶע חֲנִיפוֹת —
דָאס גֶעלְד אִיז פְלַאךְ . מַיין טַייֶער קִינְד :
אִין פְלַאכְהֵייט לִיעגְט דִי תְּקִיפוֹת .

דָאס קְטֹרֶת־פַּאסס , דָאס דֵעָה אוּנ הֵייב
פַאר יֶעדֶעם גֶאטְלִיךְ־גָאלְדֶענֶעם קַאלְב ;
אִין טִינוּף בּוֹיג דִיךְ , קְנִיע אִין שְׁטוֹיב ,
נוּר קוֹדֶם כָּל דוּ לוֹיב נִישְׁט הַאלְב ,

דָאס בְּרוֹיט אִיז טַייֶער הַיינְטִיגְס יָאהר ,
דִי שֶׁאנְסְטֶע וֶוארְטֶער קְרִיגֶען קָאנן
מֶען נָאךְ אוּמְזִיסְט . — בֶּעזִינְג זְשֶׁע גָאר
דֶעם נָדִיבֿ׳ס הוּנְד אוּנ פְרֶעסס דִיךְ אָן !

דוד פינסקי .

---

*   *

*

שֶׁאנְסְטֶע פֶּערְלֶען פוּן מַיין הֶערְצֶען
רַייסְט דֶער שְׁטוּרֶעם אוֹיס בַּיי מִיר
אוּנ עֶר שִׁיט אַרוֹיס זֵיי אַללֶע ,
אוּנ עֶס פִינְקֶעלְט דָאס פַּאפִּיער .

— לִיעבְּסְטֶע ! כְ׳שֶׁענְק דִיר אַללֶע פֶּערל ..
נוּר זֵי זָאגְט פֶערְשֶׁעמְט אַרוֹיס :
ווייסְטוּ , לִיעבֶּער , אַז זֵיי זֶענֶען
לַאנְג פוּן מָאדֶע שׁוֹין אַרוֹיס !

א. ר.

אונזער אידעאל.

װענן מיד , אבגעמאטערט פון אײביגען קװאל,
פערזונקען אין טרויער אין שװערען , —
לײכסט אויף, װי א פאקעל אין אונז, אידעאל,
װי פון װאלקען — א ליכטיגער שטערן .

א, װי העלל װערט ארום! עס צערינגט באלד די נאכט,
אונ קיין שפור בלייבט פון נעבעל פון אלטען ...
װאס האט איהר די פאהנע פון ליעבע אונ פריעד
פון אונז אין דער פינסטער בעהאלטען ?..

אונ מיר געהען אלץ װייטער אונ װייטער אהין ,
װאו עס קאמפפען אין פעלד דארט די ברידער ;
װאו פונקט , װי אין פריהלינג , װאו ס'לעבט אלץ אונ בליהט,
הערט מען נור האפענונג'ס ליעדער ...

אונ מיר געהען אלץ װייטער אונ װייטער אהין ,
צו דעם קװאל, צו דעם ריינעם אונ קלארען ;
װאו ס'אטעמט פון אײביגען פריעדען די ברוסט ,
װאו עס לעבען אויף גליקליכע יאהרען!..

י. י. פראפוס.

ליכט!

קאָרג געווען איז אונזער רבי,
און ער פֿלעגט קיין ליכט נישט ניטצען
פֿון נאָך מנחה ביז נאָך מעריב —
אין דער פֿינסטער הייסט ער זיטצען.

און כּדי אונז צו פֿערנעהמען,
אַז מיר זאָללען זיך ניט שטיפֿען,
פֿלעגט ער דאַמאָלס אונז פֿערצעהלען
טויזענד ווילדע, אַלטע מיפֿען.

אין אַ ווינקעל נעבען אויבען
פֿלעגט ער פֿיעל און פֿיעל פֿערצעהלען,
פֿון פֿערכּשפֿטע פּאַלאַצען,
פֿון פֿערבאָרג׳נע טיעפֿע העהלען.

פֿון מכשפים, מכשפות
און פֿון רוחות און פֿון שדים,
און פֿון לצים, וואָס זיי טאַנצען
אין די פּוסטקעס אויפֿ׳ן בוידעם. —

און ער האָט מיט זיינע מעשיות
אונזער חיות אויסגעצויגען:
מתים, רוחות און מכשפים
פֿלעגען שטעהן אונז פֿאַר די אויגען.

אַח, ווי שרעקליך! שטיל און פֿינסטער...
ס׳קינדערש׳האַרץ קלאַפּט אונגעהייער...
און מיר פֿלעגען זיך צעוויינען:
רבי, רבי, צינד אָן פֿייער!...

און אַ וואונדער! ווי דער רבי
פֿלעגט אַ ליכטעל נור אָנצינדען,
פֿלעגען אַללע בייזע רוחות
און די שדים גלייך פֿערשווינדען...

אברהם רייזען.

קריטיק.

I.

ספר הברית.

דער ווארשויער דרוקקער ט... ארבייט לטובת הכלל! אז די שריפט אין דרוק שטעהט לעדיג — שרייבט ער אליין אן א ספר, אדער ער פעריבט א באנד שעקספיר אונ גיט עם ארוים אויף דער ליבטיגע שיין; א גיט, דרוקט ער איבער דען „ספר הברית". —

„דאס ספר, (לויט ה' ט... שרייבט אויפ'ן שער), האט געשריעבען בקדושה ובטהרה אויף לשון הקודש, דער הייליגער חכם — הרב רבי פנחס מווילנא ז"ל, אונ עס שיינט אויף די יודישע הימעלען, ווי די הערליכע זונן... איבערזעטצט האט דאס ספר דער בעריהמטער מעתיק הר"ר יוסף מאיר יעבץ נ"י, כדי צו בעלייכטען די אויגען פון די מענשען, וואס פערשטעהען נישט קיין לשון קודש".

דער „ספר הברית" האלט גאנצע 106 זייטען, אונ קאסט נישט מעהר, ווי 40 קאפ. אונ דאך ווי פיעל נייעס דער יודישער לעזער וועט דערפון געוואהר!...

לויט דעם אלטען ספר הברית טהיילט זיך נאך די ערד אויף אזיא, אפריקא, אייראפיא אונ אמעריקא — פון אויסטראליען איז נאך קיין זכר נישט דא... אויך טהיילט זיך נאך די וועלט, ווי אין אריסטו'ס גוטע צייטען, אויף די אלטע פיער יסודות: ערד, וואססער, לופט אונ פייער... אונ גאטט'ס וואונדער איז, לויט דען „ספר הברית", נישט משער צו זיין! „עס זענען, זאגט ער, פערהאנען בעשאפענישען, וואס ווערען געבוירען פון פייער אונ לעבען נור אין פייער! אויף איין אינזעל, פערציילט דער „ספר הברית", האט מען געזעהען, ווי אין איין אויבען, וואו מען מאכט אייזען, זענען

אַרום געפלויגען פיעל לעבענדיגע פליעגען, און אַז זיי זענען אַרויס פון פייער, זענען זיי געוואָרען טוידט, ווי אַללע טוידטע"... אַז די סַלמַנדראָ ווערט אין פייער געבוירען, דאָס ווייסען שוין אַללע בַּטלָנים, נור אויף איין אינזיל (הָרוֹצֶה לְשַׁקֵר יַרְחִיק עֵדוּתוֹ — ווער עס וויל אַ ליעגן זאָגען, זאָל ערציילען פון ווייטע אָרטער) האָט מען געפונגען איין ענדיש, די לאַנג אין גאַנצען אַ פערטעל אייל, גראָב נישט מעהר, ווי אַ פינגער, מיט אַ שוואַרצען רוקקען, אַ גרינ־בייכעל, און דער ענדיש האָט געהאַט אויפ'ן רוקקען צוויי בלאָזליך, אַהנליך צו צוויי מכּות!... און אַזאַ'ן ענדיש, געוואָרפען אין פייער אַריין, שפּאַרט אַרויס אַ מין שפּייעכץ, פון דעם שפּייעכץ ווערט דאָס פייער תּיכּף פערלאָשען און דער ענדיש — ענטלויפט!...

ווען עס זאָללען זיין אַזוינע ענדישען, לְמָשָׁל, אין וואַרשוי, וואָלט מען כּון קיין שׂרֵפות נישט געקאָנט האָבען אַ דרייער...

אויך טייכען זענען פערהאַנדען גאָר וואונדערליכע! עס איז דאָ (וואו, איז נישט אייער, נישט מיין דַאֲגָה) אַ וואונדערליכער טייך: לאַנג איז ער אַ מייל, ברייט אַ האַלבע מייל, — יעדען זומטער ווערט אין איהם דאָס וואַססער אויסגעטרוקענט און, ווער אין גאָטט גלויבט, געהט צו און נעמט מיט די בלויסע האַנד אַרויס די פיש, וואָס בלייבען ליעגען אויף דער ערד!... און דער אָרעמער לעזער קראַצט וויטער: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, ווען מיר האָבען, חַס וְחָלִילָה, אַזאַ טייך אונטער וואַרשוי, וואָלט אַ האַלבער „אַייזערנער טויער"*) די פַּרְנָסָה פערלוירען... עס וואָלט געוועזען פיש — האָלץ צו גלייך...

נור נישט אַללע נִסים זענען געפאַהרליך פאַר יודישע פַּרְנָסות...

דער „ספר הברית" זאָגט, אַז דער אַפּודי שרייבט, אַז עס איז פערהאַנן אַזאַ מין פיש, וואָס שווימט יעדען פרייטאָג פאַרנאַכט אַרויס פון יַם און בלייבט ליעגען אויפ'ן ברעג ביז מוֹצָאֵי־שַׁבָּת... צי זינגט ער זמירות, ווייס מען נישט, טר שַׁבָּת, אַ פָּנִים, מאַכט

*) דער וואַרשעווער פיש־מאַרק.

ער . . . און דער פרוממער פיש, וואס וויל שבת קודש אין ים נישט שווימען, האט פאר דאס א זכיה, אז א קלייד, וואס מען מאכט פון זיין הויט, איז נאך טהייערער און נוצליכער פאר סלמנדרא-בלוט און ענדיש-שפייעכץ, ווייל „דאס קלייד לאזט נישט דורך, נישט קיין פייל, נישט קיין שפיעז"! צי דאס קלייד לאזט אדורך קוילען פון ארמאטין, רעדט נישט דער „ספר הברית", ווייל ער האט קיין פולווער נישט געפונען . . .

ליידער קאננען נישט אללע, וואס לעבען אין ים, זיין אזוי גוט און פרום! עס זעננען פערהאנדען פיש-מענשען-פרעססער; פיש, וואס שלינגען איין א מענשען, ווי ער שטעהט און געהט, און אז מען שיסט אין די פיש אריין מיט איין ארמאט, שפייען זיי צוריק ארויס פון זיך לעבענדיגערהייט די מענשען . . .

אזא פיש וואגט 444 פונט און האט זעכס „פראנדען ציין" אין מויל. בכלל זעננען די פיש זעהר גליקליכע בעשאפענישען. פיש אין וואססער, זאגט דער „ספר הברית", דארפען קיין שלאף, און „אז דער שלאף נויטיגט זיי שטארק, איז פאר זיי גענוג איין מינוט צו שלאפען מיט אפפענע אויגען" . . . אויב דאס לעזט א בעל הבית, א ביטעל-מאכער, אדער אזוי א ברויט-געבער, טראכט ער געוויסס: רבונו של עולם! וואו נעמט מען אזוינע ארבייטער אין ווארשטאט אריין! א קלייניגקייט נישט שלאפען, אדער האכסטענס א דרימטעל! . . .

נור די פיש זעננען נישט קיין אויסנאהם; נישט זיי אלליין זעננען בעשאפען געווארען צו פערציילען גאטס וואונדער; שלאנגען האבען אויך די זכיה! „אז א שלאנג דערזעהט א פויגעל, צי א חיה (!) גיט ער נור א בלאז, ווערט דער פויגעל, צי דער לייב משוגע, און פליהט איהם גלייך אין מויל אריין"! אזא בריאה מיט אזא בלאז וואלט געוויס די וועלט חרוב ונחרב געמאכט, ווארום די גרויסע שלאנגען שלינגען איין נישט נור פויגעל און חיות, נור אפילו מענשען און בהמות אויך, — וואס-זשע טהוט גאטט? מוסס דער שלאנג שטאנדיג קלאפען מיט'ן וועדעל, מען זאלל פון וויטען דערהארען, אז דער „מחריב" ריקט זיך און מען ענטלויפט! איהר קלארט, אפשר,

אַז איהר וואָלט מוחל געווען די רפואה מיט דער מכה צוזאַממען, אַז עס וואָלט בעססער געווען „זיין ליעבער נאָמען" זאָל גאָר די שלאַנגען נישט בעשאַפען — האָט איהר אַ טעות! ערשטענ'ס, ווי אַזוי וואָלטען מיר אָהן דער שלאַנג פּטור געוואָרען פון גן עדן? צווייטענס איז אַ שלאַנג זעהר איין נוצליכע זאַך: די שלאַנגען בייטען יעדעס יאָהר די פעלל, און די פעלל וואָס זיי וואַרפען אַראָב, זענען אַ רפואה בדוקה פאַר נשים, וואָס זענען מפּיל קינדער... אַז אַ אשה דאַרף זיך נור די גאַנצע ניין חדשים אַרומוויקלען דען בויך מיט אַ שלאַנגען־הויט, און, — אויף עטליכע מיליאָן קינדער, וועט זיכער איין משיח געבוירען ווערען! נאָך נוטצליכער איז, אפשר, דער „פיבער־שלאַנג" פון מצרים, וואָס זיין פלייש ווערט בענוטצט אין די אַפּאָטייקען אויף מעדיצין און אפשר גאָר די שלאַנגען, וואָס מען פיהרט אַרום אין די ביידליך און מען ווייזט פאַר 5 קאָפּ.?

מיר ווייסען שוין, אַז ביים ספר הברית, בעשטעהט נאָך די וועלט פון 4 יסודות, נישט מעהר און נישט וועניגער. שפּעטער־צו ווערען מיר נאָך געוואָהר אַ זעהר־אינטערעסאַנטע זאַך, אַז נישט אין אַללע בעשעפּעניסען זענען פעראַנדען אַללע פיער! מיר ווייסען שוין אַז די סלמנדרא און אַ געוויססער סאָרט פליעגען ווערען געבוירען פון לויטער פייער. עס זענען אָבער דאָ אַנדערע ברואים, וואָס זענען געקנעטען פון לויטער ערד; אַנדערע, וואָס זענען פון לויטער וואַססער, נאָך אַנדערע פון ריינער לופט... און דער כלל איז: אין גרויסע בעשעפּענישען שטעקקען אַללע פיער יסודות, אין קליינע שטעקט נור איין יסוד, צוויי, האָכסטענס — דריי! „עס איז, למשל, פעראַנגען אַזאַ מין מויז, וואָס קומט אַרויס פון דער ערד אַליין. אַזוינע מייז, אַז מען ריהרט זיי אָן, צערפאַללען זיי זיך אַ ודאי אויף שטיקקער און קיין קאַץ וויל זיי געווים אין מויל אַריין נישט נעמען... עס זענען פעראַנגען וואָרם, וואָס ווערען בעשאַפען פון עססענוואַרג... געוויססע ווייסע חיה־לעך — פון מענשען

שוויס... אַלץ ווי אין די אַלטע, גוטע צייטען... אונ אויף דער וועלט זענגען פֿערהאַנגען נישט מעהר אונ נישט וועניגער, ווי אָבּגעצעהלטע 40 מינים לייז, 18 מינים מילבען, 100 מינים מיקקען, 120 מינים פֿליגען, 149 האַרנוס־פֿליגען!!!

אונ דאָס אַללעס לעבּט נישט פֿאַר זיך, נור צו פֿערציילען גאָטט'ס וואונדער! נור פֿון וואַננען טהייל פֿראָש לעבען, ווייס אַפֿילו דער „סֵפֶר הַבְּרִית" נישט; שטעלט אייך פֿאָר, ווי עס איז צו בעוואונדערן די מענשען, וואָס האַקקען די גרויסע שטיינער אונ געפֿינגען אַמאָל אין אַ גרויסען שטיין אַ לאָך אונ אין דעם לאָך אַ לעבּענדיגען פֿראָש! אונ דער פֿראָש שפּרינגט פּלוצים פֿון לאָך אַרויס מיט אַ געשריי! אונ דער שטיין איז געוועזען פֿערמאַכט פֿון אַללע זייטען, אונ דער פֿראָש האָט פֿערשלאָססענערהייט געלעבּט אונ געשפּרונגען! וואו ער האָט גענומען שפּייז, ווייס איין גאָטט — דער „סֵפֶר הַבְּרִית" ווישט זיך אָבּ דאָס מויל אונ שווייגט! קוֹדֶם כָּל האָבּען מיר דערפֿון אַ מוּסָר, אַז אונזער גאַנצע זאָרג, אונזער דַאֲגַת פַּרְנָסָה, אונזער כַּעַס אונ האַרץ־וועהטיג, איז נישט ווערט קיין אויסגעבּלאָזען איי — אַ וְהָא רַאֲיָה דער פֿראָש אינ'ם לאָך פֿון שטיין, וואָס לעבּט גאָר אָהן שפּייז אונ איז דַוְקָא פֿריילּיך אונ לוסטיג, אונ שפּרינגט אַרוס אין לאָך!

נור גֶעה רעד מיט די „היינטיגע", מיט די אַפִּיקוֹרְסִים!...

נאָך אַ רַאֲיָה אויף דעם איז די נאַרישע מילבּ, וואָס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, דער חָכָם, הייסט דעם פֿוילען, ער זאָלל זיך פֿון איהר אַ מוּסָר נעמען אונ לערנען זיך זאָרגען פֿון היינט אויף מאָרגען. דער „סֵפֶר הַבְּרִית" ווייס בעססער די זאַך. די מילבּ זאַממעלט אָן תבואה אויף ווינטער גאָר אומזיסט, ווייל אַ גאַנצען ווינטער שלאָפֿט זי, אונ, אַז עס קומט צוריק דער זוממער, אונ זי חאַפּט זיך אויף, איז שוין איהר תבואה אין גאַנצען דורכגעפֿוילט, אין גאַנצען „לֹא יִצְלָח"!

אין 44־סטען פֶּרֶק גֶעהען מיר איבּער צום מענש...

דער מענש איז טאקי מענש, דער סֵפֶר הַבְּרִית קאָן זיך איהם

גאָר נישט אויסלויבען, אַ פֿולל מויל מיט זאַפֿט האָט ער! אַ קליינִיג־קייט, וואָס אַ מענש איז! ערשטענס עסט ער אַנדערע חיות ובהמות; גראָז נור זעלטען. אַללע חיות קאָננען נישט באַקקען, נישט קאָכען, נישט זאַלצען, אונ — די ערשטע בעסטע קאָכין טהוט דאָס אַלץ טאָג־טעגליך אונ אויף שבת מאַכט זי נאָך אַ קוגעל! אַללע לעבענדיגע בעשאָפֿפֿעני־שען, טרינקען נור וואַססער, דער מענש אָבער — אַלערליי מַשְׁקָאוֹת: רייכע טרינקען וויין, אָרימע קוממען אָן צום מאָנאָפּאָל. קיין חַיָה ווייס נישט, וואָס שאָן אוֹנ וואָס מאוס איז, (אַזוי, ווענִיגסטענס, זאָגט דער „ספר הברית") . דער מענש אָבער ווייס. חיות וּבְהֵמוֹת האָבען דעריבער נישט קיין פֿערגעניגען פֿון מוזיק, מיר אָבער האָבען נַחַת פֿון חַזָנים, פֿון זְמִירוֹת, וואָס מיר אַליין זינגען, אונ די „דייטשען"— פֿון אָפּפּערן אונ קאָנצערטין... אז מען קוקט מיט אַ פֿערגראָססער־גלאָז אויף דען זאָמען פֿון אַ מענש, זעהט מען ווי קליינע מענשעליך טאַנצען! אונ דריי שותפים האָבען דען מענש: גאָטט, פֿאָטער אונ מוטטער. דער פֿאָטער גיבט איהם: ביינער, אָדערן, געהירן אונ וויסעל פֿון די אויגען; די מוטטער: — הויט, פֿלייש, בלוט אוּנ שווארצאַפּפּעל! גאָטט, ברוך הוא, גיבט די נְשָׁמָה... אַלץ ווי אַמאָל!

נאָט אייך נאָך אַ בינטעל נוצליכע זאַכען: די העמערוידען זעננען זעהר געזונד אונ ברענגען צו לאַנג לעבען... חֲלוֹמוֹת פֿון סוף נאַכט זעננען ריכטיגער, אַלס די חֲלוֹמוֹת פֿון אָנהייב נאַכט... אַ גוטען חָלום זאָלל מען אַפֿילו דעם ווייב נישט פֿערציילען. אַ מענש זעהט קיין מאָל נישט אין חָלום קיין טוידטע בְּהֵמָה, ער זאָלל מיינען, זי לעבט; פֿאַר דאָס קוממען אונז מֵתִים צו חָלום אַלס לעבענדיגע מענשען. נאַטירליך איז דאָס אַ סִימָן, אַז אַ מענש האָט הַשְׁאָרַת הַנֶפֶשׁ... דער אונטערשיעד צווישען אַ נבואה אונ איין איינפֿאַכען חָלום שטעקט דערינגען, וואָס געוועהנליך קומט פֿריהער דער שלאָף אונ דערנאָך דער חָלום אונ ביי'ם נָבִיא פֿערקעהרט: פֿריהר חָלומט איהם, דערנאָך שלאָפֿט ער איין... עס געהען נאָך די אַלטע, גאָר אַלטע זיעבען הימעלען: אַראָד, אין וועלכען עס שטעקקען די זונן מיט דער לְבָנָה, ראָדער פֿאַר די שטערען... נור די מענשען, וואָס וואוהנען אויף די

שטערען, האָטש זיי קאָנען זיין חֲכָמִים, אָבער קיין יֵצֶר־הָרָע און קיין תַּאֲוות האָבען זיי נישט! וואָרום די תאוות קוממען פון די פיער יסודות... און אזוי וויטער...

נאַטירליך וואָלטען מיר פון „סֵפֶר הַבְּרִית" נישט גערעדט, ווען אונזערע יודישע לעזער זאָללען נישט האָבען אזוי פיעל דֶרֶךְ אֶרֶץ פאַר „זִכְרוֹנוֹ־לִבְרָכָה'ס" מְחַבְּרִים בִּפְרַט און געדרוקטע זאַכען בִּכְלָל, אָדער ווענן זיי זאָללען וויססען, אז דער נאָמען „ט..." איז גענוג, מען זאָל דאָס ספר נישט נעמען אין האַנד אריין.

נור ט... איז א געוואָהנליכער דרוקקער, ער האָט זיך און זיין געשעפט אין זינן... אלס סוחר האָט ער זיך אויסגעקליבען צו האַנדלען מיט אלט־וואַרג, אבי פַּרְנָסָה... וואָס וויל אָבער

פֶערְלַאג „עֶזְרָא"?

עס ליעגען פאַר אונז דריי ביאָגראַפיען:

1) רַבִּי שְׁלֹמֹה לוּרְיָא (רש"ל) זיין לעבען און ווירקונג פון ש. א. האָראָדעצקי.

2) רַבֵּינוּ שְׁמוּאֵל מאָהליווער ז"ל (ביאָגראַפיע) זיין לעבען, שטרעבען און ווירקונג פאַר'ן פאָלק און פאַר דער ציוניסטישער אידעע. — בעאַרבייט נאָך ר' יצחק ניססענבוים און אַנדערע קוועללען פון מק"ל און

3) פּראָפעסאָר צבי שפּירא. —

„עֶזרא" איז א ציוניסטישער פערלאַג. די טיטעל־בלעטער (שערים) האָבען 6 מָגֵן־דָוִד'ס און אין יעדען מגן־דוד שטעהט א בעזונ־דערער „ציון" — זעכס מאָל ציון! דער רש"ל האָט, נאַטירליך, מיט'ן נייטאָדישען ציוניזם קיין מַגָע וּמַשָׂא נישט געהאַט. אין זיין צייט האָט מען נאָך פשוט געוואַרט אויף מָשִׁיחַ'ן און נישט גערעכענט, עס האָט קיינעם נישט געחלומט, אז עס וועט באַלד קוממען א צייט פון קאַפּיטאַליזם און פאַבריקען, ווענן מען וועט מאַכען א קאָלאָני־אַל־באַנק און אויף גיך פאַבריצירען מְשִׁיחַ'לעך, — פאַר דאָס איז

פֿלאַממענדיג — ציוניסטיש האָראָדעצקים פֿאָררעדע. ער קלאָגט זיך מיט אַ האַרצרייסיגער שטיממע, אַז בְּשַׁעַת ווען „יעדעס פֿאָלק אינטערעסירט זיך זעהר פיעל מיט זיין געשיכטע, מיט וועלכער צוזאַממען דאָס פֿאָלק גופֿא איז געבוירען (!) און ווערט מיט איהר צוזאַממען, ענטוויקעלט און פֿערגראָססערט (!) מאַכט זיך דאָס יודישע פֿאָלק דערפֿון גאָר נישט!“ ער ערציילט דעם יודישען לעזער אַ העברעאישען וויץ פֿון גרויסען גאון רבי יחיאל היילפּערין אין זיין הַקְדָּמָה צום „ספר הדורות“, וואו „ער זאָגט מיט איראָניע“, אַז, ווען מען זאָלל אַ זעלבע לייט (וואָס וויללען פֿון היסטאָריע נישט וויססען) זאָגען לְמָשָׁל אַז הָמָן איז געוועזען פֿאַר דער צייט פֿון כַּלְכֵּל וְהֵימָן, אָדער זֶרַח — פֿאַר תֶּרַח׳ן — וואָלטען זיי געגלייבט!“ נור האָראָדעצקי פֿערזיכערט אונז „אַז עס איז צום וויינען, ניט צום לאַכען. די קליינע אינטערעססע פֿון יודישען פֿאָלק צו זיין אייגענער געשיכטע וויזט אונז בְּחוּשׁ, ווי וויט מיר זענגען צוריק אָבגעשטאַנגען (?) אין אונזער נאַציאָנאַליסטישען זעלבסט־בעוואוסט־זיין... דאָס הייסט: מיר האַלטען זיך פֿאַר טוידט, פֿערשטיינערט נור פֿאַר אַ מומיע פֿון דער אַלטער צייט“... און — אַז האָראָדעצקי חאַפּט זיך אַרויף אויף די שטעלצען, ווילל ער שוין נישט אַראָב. ערשטענס, שיטט ער אויסגעדראָשענע מליצות, וועגען פֿאָלק, וואָס ווילל נישט וויססען, וואָס אין זיין יחוס־בריעף שטעהט, ווייל ער „שפּיערט גאָר נישט אין זיין טיעפֿען שלאָף, עס חָלומט זיך נור פֿערשיעדענע חֲלוֹמוֹת, חֲלוֹמוֹת... רַק חֲלוֹמוֹת“. דערנאָך געהען צוויי און אַ האַלבע שורות מיט פּינטעלעך, דאָ האָט האָראָדעצקי, כִּמְעַט, ווי געחַל׳עשט! דערנאָך חאַפּט ער זיך פּלוצים אויף: און זיינע שונאים? — שרייט ער — זיי פֿרייען זיך... זיי מיינען ער גוסעט שוין, באַלד שטאַרבט ער, באַלד געהט ער אַראָב פֿון דער סצענע“... אין גאַנצען דריי פּינטעלאַך, און איין אויסגעשריי: — „אָבער גאָר לא!“ און ער דעקלאַמירט זיך וויטער: — ישראליק איז נישט שוואַך מֵחֲמַת אַלטער, ער געהט נישט אויס, ער האָט נאָך אין זיך גענוג קראַפֿט, גרויסע כּחות“... מיר זעהען, אַז מיר האָבען דאָ צו טהון מיט

אַ ברענענדיגען נאַציאָנאַליסט — ציוניסט, וואָס פערגעסט אַמאָל אין דער היץ אָן גראַמאַטיק, אָן לאָגיק, און מיר האַפּען זיך געשווינד צום „ספר" אַליין... מיר ווילען וויסען מיט וואָס דער רש"ל וועט אויפבלאָזען דען פונק פון פערלאָשענען פאָלקס בעוואוסט־זיין, מיט וואָס ער וועט אונז אויפפרישען די אַלטע ביינער, לעבענדיג מאַכען דען אַיינגעפאַלמעסטען פגר?.. און נאָך דער הויכאויפגע־בלאָזענער רעקלאַמאַציע ווערען מיר געוואָהר פון האָראָדעצקים מויל, אַז דער רש"ל איז געבוירען געוואָרען 1510, אַז ער שטאַמט פון רש"י, אַז ער האָט געהאַט אַ שאַרפען שֵׂכֶל און אַ פעסטען כאַראַקטער, אַז מיר בעגעגענען איהן שטאָנדיג (וואו?) האַלטענדיג (ווער? מיר, אָדער דער רש"ל?) אין איין האַנד אַ פעקיל מיט אֶמת... (אַ שיין־פעקיל?!!) און אין דער צווייטער — אַ פעדער [נישט פון אַ גאַנז, חלילה, נור] פון שאַרפער קריטיק, אַז זיין תַּלְמִיד ר' יחזקאֵל לאַנדוי לויבט „זיין האַרץ פון אַ לייב"... אַז דער רש"ל פלעגט אָבוועגנדען דען „אֶבן־עֶזרא", רמב"ם, רמב"ן, רלב"ג, רשב"א, הר"ן...

דער אָרימער יודישער לעזער, וואָס האָט וועניג געהאָרט פון די גרויסע לייט, מוסס, נאַטירליך, גלויבען האָראָדעצקען אויפ'ן וואָרט, נאָכזאָגען איהם, אַז דער רש"ל „איז נישט געוועזען קיין שפענדיל, וואָס שווימט אַהין, וואו דאָס וואַסער טראָגט, נור שטאָנדיג, וואו אהין זיין שיפס־קאָמפאָס, זיין שֵׂכֶל הַיָשָׁר, ווייזט, ס'מאָג זיין נעגען די גראָסטע יַם־חוואַליעס". ער וועט אַפילו נישט פרעגען: אֲדוֹנִי האָראָדעצקי, פון וועלכען פינגער האָט איהר עס אויסגעזויגט?.. אַ מְחַבֵּר פרעגט מען נישט... אַז ער זאָגט, זאָגט ער... ווען ער זאָל וועללען קרעדיט אויף געלד, נו, וואָלט מען געפראָגט: ווער ביסט דו, וואָס האָסט דו? אָבער קרעדיט עַל חֶשְׁבּוֹן הרש"ל — מְהֵיכֵי תֵּיתֵי, גאַנצע באָרג! און דער לעזער לעזט ווייטער, און ווערט געוואָהר אַ גרויסען חסרון פון רש"ל! — ער האָט פיינד געהאַט די „חַבְמֵי־צָרְפַת", ער, דער רש"ל, איז

געוועזען אַ מקובל און, די חַכְמֵי־צָרְפַת — פילוסאָפען. אַריסטו'ן רופט דער רש"ל „עָרֵל טָמֵא". האָראָדעצקי איז מוֹדֶה, אַז עס איז אַ חסרון, נור „אַזוי, ווי אַ פּאַטרעט מוסס האָבען, עס זאָלל ריכטיג זיין, אַללע אָסאָבע פּרימעטעס! פון זיין געמאָלטען פאַרשוין, אַזוי „מוז ער געבען דען רש"ל צוזאַממען מיט זיין בראָדאָווקע, וואָס מאַכט האָסליך זיין פּנים". נור האָראָדעצקי האָט זיך אַביסעל דערשראָקקען פאַר זיינע אייגענע וואָרטער און דרעהט צוריק דען לעדערנען דישעל — זיין שֵׂכֶל הַיָשָׁר — און שרייבט: „די פּער־דאָרבענע מדות פון דער פאָלקסמאַססע (?) פון איין זייט, און די גראָבע אויפפיהרונג פון די דעמאלדיגע אונוויססענדע רבנים (?) פון דער אַנדערער, האָבען אונזער גאון דערלאַנגט „עַד הַנֶּפֶשׁ" און דעריבער האָט ער געוואָלט „בעזייטיגען אַללעס, וואָס קאָנן אין אַזעלכע אומשטאָנדען שאָדליך זיין פאַר דער רעליגיאָן. ער האָט אַלזאָ ארויס געטרעטען געגען די יודישע פילאָזאָפען, נישט אַזוי אַלס מְקוּבָל, ווי אַלס גרויסער רעליגיאָן־און זיטטען־פערטהיידיגער, ווייל ער האָט געזעהען, ווי אַ חָכָם הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד, אַז אין זיין שוואַכען דור (?) איז די פיליזאָפיע סַם פאַר'ן יודענטהום". מיט איין וואָרט ס'איז אַלץ ריכטיג, וְהָא רַאֲיָה: דער אייגענער רש"ל, וואָס האָט זיך אַרום געריססען מיט די ליכטיגסטע מאָננער, ווי דער אֶבן־עֶזרא, רמב"ם, רלב"ג און האָט זיי אָבגעווענדט מיט שאַרפע וואָרטער, — דער אייגענער רש"ל, האָט די הָעָזָה נישט געהאַט ארויס צו טראָטען געגען קליינסטען יודישען מִנְהָג, וואָרען, ווי האָראָדעצקי שרייבט, „דאָס, וואָס דאָס לעבען פון יעדען פאָלק פאָדערט, לאָזט זיך נישט קריטיקירען (!) דאָס איז דער אֶמת אַליין". נאַטירליך מוסס מען וויססען דען חלוק פון אַ מִנְהָג, וואָס דאָס לעבען פון פאָלק פערלאַנגט, און, צום ביישפּיעל, אַ מִנְהָג, וואָס יונגע לייט מאַכען זיך צום טאַנצען מיט דאַמען אויף חתונות; געגען דעם צווייטען מִנְהָג איז דער רש"ל טאַקי אַרויס געטרעטען מיט אַללע כּוחות...

ווער דער רש"ל איז געוועזען, וואָס איז געוועזען זיין שִׁטָּה

(זיין סיסטעם) אין לערנען, וואס האט ער בעקוממען פון זיינע לעהרער, פון זיין דור, אונ וואס איז זיינם געוועזען? אויף אזוינע פראגען אנטפערט הארא דעצקי נישט... ער שלאגט זיך דורך מיט אויסגעדראשענע מליצות, מיט א ביסעל דייטשע, לשון קודש'ע אונ אלליין געמאכטע ווארטער... דער לעזער בלייבט לעער, ווי פריהער, אויב עס קלעבען זיך אין איהם נישט אן עטליכע הארא דעצקעס שפראך-בלומען...

אונ חאטש פערלאג „עזרא" ארבייט לטובת הכלל, מוזען מיר זאגען, אז פאר די עטליכע ווארטער, וועגען א מקובל, וואס פלעגט שארף ארויס טראטען געגען אבן-עזרא, רמב"ם וכו' אונ קעגען יונגע לייט וואס טאנצען מיט דאמען — פאר די עטליכע ווארטער טאר מען ביי'ם פאלק נישט צו נעמען א שעה צייט צום לעזען אונ דערצו נאך 8 קאפ. באארעם געלד. אין דער שטונדע וואלט ער געקאנט געוואהר ווערען עפים ווירקליך נוצליכעס, אונ פאר 8 קאפ. בעקוממט מען 8 פרישע בייגעל ביי'ם באקקער אונ, אפשר, נאך מיט א צולאג...

נור מיר געהען דערווייל ווייטער. מיר וויללען זיך בעקאננען מיט—

ר' שמואל מאהליווער ז"ל.

אונזערע טאטעס אונ זיידעס, ווי ביז היינט דאס פראסטע פאלק, זעננען קיין רגע נישט מסופק-געוועזען, אז יודען זעננען א פאלק. קיין איינציגע שפראכע, האט נישט אזוי פיעל נאמען צו בעצייכענען דען בעגריף „פאלק", ווי די העבראישע. מיט'ן „פאלק ישראל" איז פולל דער דיקער סידור, וואס יעדער יוד האלט דריי מאל אין טאג אין האנד. איבער'ן „פאלק ישראל" פערגיעססען אונזערע ווייבער התחנות-טרערען אהן א שיעור; אין יודישען טעאטער הערט מען, מאגערע, פעטע, לאבענדיגע, וויינענדיגע אונ וויציגע קופלעטען, אלץ אין איינעם פון „פאלק ישראל"...

ווי האבען זיך אונזערע טאטעס אונ זיידעס נוהג געוועזען מיט'ן שמאלץ, מיט'ן שיינדיל פון דער אומה — מיט איהרע גרויסע לייט? האט איוד א גביר, א גרויסע נדבה געגעבען דעם כלל א גרויסע

טובה געטהון, האָט מען עס פערשריעבען אין פּנקס לזכּרון פאַר דער שטאָדט, פאַר דער קהלה. ווייל בעשענקען „כּל ישׂראל" האָט מען דאַמאָלס נישט געקאָנט; האָט אָבער אַ יוד אַ ספר געשריעבען, האָט ער אַ מתּנה געגעבען פאַר אַללע יודען, פאַר אַללע דורות האָט מען דאָס ספר אין בּית־המדרש אַריינגעשטעלט, האָט עס כל ישראל געלערנט. האָט פון איהם כּמעט יעדעס חדר־יונגעל, בּפרט יעדער יוד אַ למדן, געוואוסט. אונזערע „משכילים" פון די צוויי פריהערדיגע דורות האָבען אַסך טייטש־ווערטער נישט געקאָנט: וואָס הייסט אַ פאָלק? אַ פאָלק האָט ביי זיי געהייסען אַ חברה מענשען, ווי די פאָלקער אַרום. דאָס הייסט מיט אַ מלוכה, מיט אייגענער פאָליציי, מיט אייגענע שטריימליך, וואָס האָבען די ממשלה אין די האַנד, אַ פאָלק מיט פאָלאַטיק, אַרמאַטען... מיט איין וואָרט — אַ חיה רעה מיט ציין אונ נאָגעל, וואָס, אַז זי טראָפט איין אַנדער חיה רעה אויפ'ן וועג, מוסס זי איהר אַריין מיט ציין אונ נאָגעל אינ'ם לייב!...

דערפון קומט אַרויס, אַז מיר אָרימע יודען, וואָס האָבען צו שוואַכע ציין אונ נאָגעל, וואָס האָבען שטריימליך אָהן ממשלה, נבאים אָהן פאָליציי; צו הילף — נור הוילע, אָנגעבלאָזענע „פּני" — אַז מיר יודען זענגען גאָר קיין פאָלק, אָדער כּמעט גאָר קיין פאָלק נישט. אונ ווייל עס ווילט זיך דאָך טרייבען פאָליטיק, מען מוסס זיך די ציין שאַרפען, מען מוסס זיין אַ חיה רעה — על כּן מוסס מען אַרויס פון דער אייגענער שאָפּפענער הויט אונ אַריין אין אַ הויט פון איין אַנדערער חיה, מוסס מען ווערען פראַנצאָזישע, דייטשע, ענגלישע, אונ אַנדערע חיות... מיר האָבען נור אַ רעליגיאָן, מהייל בּאָל דאָס אויך נישט, אונ נענוג...

אַז עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז די אַנדערע חיות בעשטעהען נישט אויפ'ן שדוך, איז נאַטירליך אַ גערודער געוואָרען; אַ גערודער, פון וועלכען דאָס יודישע פאָלק, די מאַססע, ווייסט געוויס נישט אַ וואָרט, נור אַ „משכּילים־גערודער"! די וויינטרויבען זענגען הויך, ענגען זיי צו זויער! אוים אַסימלאַציע — הוררא נאַציאָנאַליטאַט!...

און אויב נאַציאָנאַליטאָט, מוסס מען האָבען גרויסע לייט, מען װאָלל שרייבען זייערע מאָנאָגראַפיען — ביאָגראַפיען... נו, היינע, בּאָרנע, װען אַפילו ספינאָזע, זענען דאָצו שוין נישט בעקוועם; געלעהרטע פעהלען היינט אויך נישט, אַפילו נ י ש ט געטויפטע, נור — ווער ווייס פון זיי? פערלאַג עזרא אין בערדיטשעוו געוויסס נישט. און איידער צו זוכען, אָדער נאָכצופראָגען, װאָלל זיין, וואָס עס קומט אונטער דער האַנד...

געשריעבען שוין פון רש"ל, ווער געהט יעצט? דער ביאַליסטאָקער רב! אַ פרישער „זכרונו לברכה", ו ו ע ט ע ר זיך לאָזען אויפבלאָזען! און מען האָט איהן אויפגעבלאָזען! וואָס ווערען מיר געוואָהר פון אַללע 20 זייטען דרוק פאַר 8 קאָפּ.? מען ערציילט אונז, אַז „דאָס יודישע פאָלק בכלל, און די ציוניסטישע בעוועגונג בפרט, האָבען די לעצטע צייט ערליטטען זעהר שווערע דונערשלאָק: עס האָבען אונז געפעהלט (?) די גראָסטע און בעסטע מאָננער, די מאָננער, וואָס האָבען מיט זייער תורה און חָכְמָה בעלייכט און בעשיינט די גאַנצע יודישע אומה (???) וואָס זענען, ווי אַמאָל דער „עמוד אש" געגאַנגען פאַר זייער פאָלק, און געפיהרט איבער דען שווערען וועג וואָס געהט קיין ציון". ווער די מאָננער זענען, ווייסען מיר נ י ש ט און ה' מק"ל געפינט נישט פאַר נאָטהיג אָנצורופען זיי ביי די נאָמען; ער פערזיכערט אונז, אַז „שרעקליכער און טיעפער פון אַללע (?) האָט אונז געטראָפען דער טוירט פו"ם גראָסטען (?) און בעסטען (?) מענשען, פון פאָלקס בעליעבטען (?) רב, רבי שמואל מאָהליווער!"

„איבער צו געבען דעם טיעפען טרויער איז (נאַטירליך!) נישט מאָגליך, דאָס איז נישט אומשטאַנד קיין מענשליכע פעדער, נור דאָס האַרץ איז פערשטיינערט (ביי וועמען?) און די אויגען (ביי וועמען?) גיעסען קוואַללען טרערען! ליידער אָבער אויגע טרערען, פון וועלכע „עס ווערט דעם האַרץ ניכט גר..ער", ווי... דאָס זענען טרערען פון פערצווייפלונג; טרערען פון שיפסלייט, וואָס האָבען פערלוירען זייער קלוגען און טרייען קאַפיטאַן, סאַמע אין

דעָר מינוט, ווענן די חוואַליעס פוּן יַם (?) פּאַטשען אַזוי גרוילאַך (?) אוּנ פַאללען אָן אויף דעָר שיף (?) אָט, אָט שלינגען זיי זי אַיין" (?) דאָס איז דעָר ווייבעריש־נאַרישער, אויפגעשוואָלענער הֶסְפֵּד פוּן בּקל'ס צד; „רבּי יצחק נוססענבּוים הי"ו" איז אויך אַ גוטע „זאָגערין" אוּנ אַ „קלאָגערין", מעָן מאָג איהן דינגען אויף אַללע לְוָיוֹת. עָר שרייבּט אוּנ מק"ל זאָגט איבּער: „מיין טרעָר איז נישט מעָהר, ווי נאָך איין טראָפּען פוּן ים פוּן טרעָרען, וואָס זעָננען פערגאָססען געוואָרען אויפ'ן קֶבֶר פוּן אונזער (?) רֶבִּין. מיין קלאָג — נאָך איין זיפץ אויפ'ן גרויסען בּראָך (!), וואָס אוּנז האָט געטראָפען (!)". זיין טרעָר איז אָבּער „בּרעָנענדיג היים" אוּנ זי „ווערט, אֶפשר, דערוואַרימען די פעָר־גליווערטע הערצער". זיין זיפץ איז, שטורמיש אוּנ טיעף, ווערט זי פיללייכט אויפוועָקקען די פערשלאָפענע בּרידער, אַז זיי זאָללען זיך אַרומקוקען אויף וועָלכען וועָג (?) דעָר רֶבִּי איז געגאַנגען אוּנ וואָס'עָר'ע מַעֲשִׂים (?) עָר האָט געטהוּן אוּנ איהם נאָכגעהן (אין קֶבֶר אַריין (?) אוּנ נאָכטהוּן!" (אוּנ שטאַרבּען?...)

איך שטעָלל מיר פאָר, מיט וואָס פאַר אוּנגעדולט דעָר אָרימער לעָזער נעָמט זיך געוואָהר צוּ ווערען, וועָר דאָ איז געשטאָרבּען! גאָט ווייס, וואָס פאַר נייע ווענען, מעָן וועָט אוּנז וויזעָן; פוּן וואָס פאַר אַ מַעֲשִׂים, מעָן וועָט אוּנס ערציילען! נאַטירליך, מֵיין איך נישט די ציוניסטען, וואָס ווייסען, אַז ר' ש מ ו א ל מ אָ ה ל י וו ו עָ ר איז געוועָזען אין פאַריז אוּנ גערעָדט מיט ר אָ ט ה ש י ל ד ע ן אַלליין, אוּנ זעָנען דערמיט יוצא; אויך מֵיין איך נישט קיין בּיאַליסטאָקער בַּעֲלֵי בָּתִּים, וואָס האָבּען זייער רָב געקאָנט אוּנ זעָננען, ווי עָס איז, צופריעדען פוּן כָּבוֹד, וואָס שטראַהלט אַראָבּ פוּן גרויסען רָב אויף קָהָל'שֶׁע קאָפּ... אוּנ זיי פרעָגען זיך נור שטיללערהייט: מַה הָרַעַשׁ? מאַלע אַ רָב געווינט אויף דעָר לאָטעריע?...

איך רעָד פוּן פְּשׁוּטען יודישען לעָזער, וואָס וואָהנט ערגיץ אין „תְּפוּצוֹת יִשְׂרָאֵל", וואָס ווייס, אַז עָס איז פערהאַנען אַ שטאָדט בּיאַליסטאָק מיט וואָלל־זייד־ אוּנ טוך־פאַבּריקען, וואָס שטויסט זיך, אַז אין בּיאַליסטאָק איז געווים דאָ אַ רָב אוּנ ווערט פוּן ר' יצחק

ניסםענבוים (פער טעלעפאן—מק"ל), געוואהר, אז דער רב איז נפטר געווארען!

אזא לעזער, וואס ווייסט נישט, אז ער איז נור איינער פון די פיער — פינף מיליאן יודען אין רוססלאנד, וואס האבען פון ר' שמואל מאהליווער נישט געוואוסט — אזא לעזער, אז ער הארט פון „ים־טרערען, פון שיפסקאפיטאן", פון „חוואליעס", פון „איין בראך" אויף „כל-ישראל", — האפט ער זיך נעביך מיט א פער־קלעמט הארץ צום ספר אונ וויל וויססען ווער אונ וואס אויף קלאר, אונ — ווייטער דאס זעלבע — וואס ווערט ער געוואהר פאר זיינע בלוטיגע 8 קאפ. אונ א שעה צייט? אז ר' שמואל מאהליווער איז געבוירען געווארען, גוט ערצויגען געווארען, אין ישיבה געלערנט, רב געווארען, פריהער אין גלובאקא, דערנאך אין ביאליסטאק; — אז ער האט געוויננען אויף דער לאטעריע, פלעגט געבען א שיינע נדבה, געווארען א חובב ציון, געוועזען אין פאריז, אהיים געקוממען, קראנק געווארען אונ — — געשטארבען!...

אט מעהר וויים נישט ר' יצחק ניססענבוים אונ זיין טעלעפאן מק"ל, אונ מעהר איז געוויסס נישט געוועזען... אונ דער ארימער לעזער שטעלט זיך אב, זאגט מיט א זיפץ: „ברוך דיין אמת" אונ פרעגט זיך אויף שטיללערהייט; מה הרעש? פאר וואס קומט 8 קאפ. צי איז דער רעש דעריבער, וואס ר' שמואל מאהליוועור פלעגט „פערבייגען דען אמת פאר'ן שלום?"...

מיר וועללען איבערגעהן צו'ם

פראפעססאר צבי שפירא.

דער שער זאגט צו:

> „זיין לעבען, שטרעבען אונ ווירקונג פאר'ן פאלק אונ פאר דער ציוניסטישען אידעע" — אונ אויך זעהר א וויכטיגער מאמר וועגען ציוניזם, וואס דער פראפעססאר, „זכרונו לברכה (!), האט געשריעבען אין זשארגאן א פאר וואהלען פאר'ן טוידט... מיט פארטרעט,—בעארבייט דורך יצחק ווערניקאווסקי, סטורענט פילאזאפיע".

דער שער, זעהט איהר וואלט געפאסט פאר ט... אונ דער

אריינפיהר אין די ביאָגראַפיע איז אַ ביסיל אָהנליך צו מקל'ס הַקְדָמָה... אָנגעשוואָללען, אָבגעדראָשען און לאָכערליך! און דער פּראָפעססאָר צבי שפּירא האָט עס נישט געברויכט! ער איז געוועזען נישט קיין געמאַכטער, נור איין אֶמת'ער געלעהרטער; איינער, וואָס האָט זיך קראַנק געלערנט, מיט ברויט און וואַססער, און טהייל מאָל אָהן ברויט און וואַססער געלערנט, און איז נישט קיין אויפגעבלאָזענער, נור אַ ווירקליכער יודישער פּאַטריאָט געוועזען, מיט איין וואָרט — אַ מענש מיט קאָפּ און האַרץ! זיין ביאָגראַפיע האָט דעריבער נישט בעדאַרפט זיין קיין אויפגעבלאָזענע געשוואָלענע הַקְדָמוֹת... דאָס איז דאָך נישט קיין אונטער'ן־אויבען־רֶבִיל, וואָס ווערט ערשט גרויס, אַז חֶבְרָה פאַלט איין און שטעלט איהן זיך אויפ'ן קאָפּ, אָדער וואַרפט איהן „הוררא" אין דער הייך! ווי אויך קיין וויסטער לַמְדָן, ער זאָל זיך אַרומשלאָגען מיט יונגען, וואָס „טאַנצען מיט מיידען אויף חֲתוּנוֹת, און ציטטערן דערביי פאַר אַ „מִנְהַג יִשְׂרָאֵל"...

דער פּראָפעססאָר שפּירא איז געבוירען געוואָרען ב' אֶלול תר', אין אַ קליין שטאָדטיל, קאָוונער גובערניע, נישט דער „סטודענט פילאָזאָפיע" ווערניקאָווסקי און נישט „פערלאַג עזרא", האָבען זיך די מיה געגעבען דורכצוזעהען דעם פּראָפעססאָרס פּאַפּיערען, געוואָהר צו ווערען, ווי דאָס שטאָדטיל הייסט. און דאָך איז עס געוועזען אַ גאַנץ לייכטע זאַך, מיט אַ בריעף צו פערזאָרגען! געוועזען איז ער אַ גְמָרָא־יִנגעל, איין עִלוי, צו 16 יאָהר האָט ער בעקומען סְמִיכָה אויף רַבָּנוּת. אין אַ פּאָאר יאָהר שפּעטער (וויפיעל יאָהר?) אַלס ער געוואָרען רַב און ראש יְשִׁיבָה אין אַ קורלאָנדיש שטעדטעל (ווי הייסט עס?) נאָך קינדוויים האָט ער געהאַט אַ גרויסען חֵשֶׁק צו מאַטעמאַטיק, און דעריבער האָט ער זיך אויף דער שטעללע נישט געקאָננט לאַנג אויפהאַלטען, און איז אַרוים קיין אויסלאַנד שטודירען. ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין לאָנדאָן (ווען, ווי לאַנג?) אין בערלין (ווען, ווי לאַנג?) אָהן ברויט, אָהן בעקאַנטע, אָהן הילף, פלעגט נישט האָבען קיין נאַכטלאָגער. אין הערבסט־צייט פלעגט ער דורכשפּאַצירען גאַנצע נאַכט ביים טהיער־גאַרטען, ער

האָט זיך פֿון דעָסטוועגען פֿאַרבעריייט אונ איז אַריין אין בעָרלינער געוועָרבע־אַקאַדעמיע. נור, ווי מען זאָגט, דעָר הונגער איז קיין פֿריינד, עָס האָט איהן דאָס געזונד געקאָסט אונ עָר איז קראַנקער־הייט צוריק קיין אָדעָסס, וואו עָר איז אָבגעלעָגען ניין מאָנאַט אין שפּיטאָל.

אין וועָלכען יאָהר? פֿאַר וואָס גראָד קיין אָדעָסס? אויף וואָס איז עָר קראַנק געוועָזען? דאָס וויים וו ע ר נ י ק אָ ו ו ס ק י נישט אונ „פֿערלאַג עזרא" האָט נישט געפֿונען פֿאַר נאָטהיג געוואָהר צו וועָרען.

די דאָקטוירים האָבען איהם פֿערזאָגט דאָס שטודיערען, אונ עָר האָט געמוסט אָננעָמען אַ שטעָללע פֿון אַ בוּכהאַלטער אין אַ קאָנטאָר (וואו, ווען?) אַ פּאָאר יאָהר איז עָר געוועָזען אויף דעָר שטעָללע, דערנאָך האָט עָר זי פֿערלאָזט (פֿאַר וואָס?) אונ איז אַליין סוחר געוואָרען אונ געהאַנדעָלט (געווים מיט סחורה!) אין אָדעָסס אונ זיטאָמער, אונ האָט אָבגעשפּאָרט געלד צוריק צו פֿאָהרען קיין ב ע ר ל י ן. 1870 איז עָר שוין (?) געוועָזען אין בוקארעסט (אויפ'ען וועג קיין בערלין?) אין דעָר טירקישער קריעג (נאָך וואָס?) דערנאָך איז עָר צוריק געקוממען קיין בערלין, וואו עָר האָט אַ פּאָאר יאָהר געלעָרנט. דערנאָך איז עָר קיין היידעלבערג אוועָק, אונ ווייטער אַ פּאָאר יאָהר געלעָרנט. 1881 האָט עָר בעקוממען דעָן טיטול „דאָקטאָר". 1887 איז עָר געוואָרען פּראָפֿעססאָר אין היידעל־בעָרג, וואו עָר איז געבליבען שוין ביז'ן טויט. געשטאָרבען איז עָר דעָן 9־טען מאַי (דאָס יאָהר שטעָהט נישט אונ גאָר!) וואָס דעָר פּראָפֿעססאָר שפּירא האָט געווירקט אין דעָר מאַטעמאַטיק, פֿון דעָם וויים ה' ו ו ע ר נ י ק אָ ו ו ס ק י נישט אוואָרט. פֿאַר איהם איז גענוג, אַז דעָר פּראָפֿעססאָר איז בעגראָבען געוואָרען „אויפ'ן קעָלנער בֵּית־עָלְמִין, וואו עָס רוהען הונדערטער קדושים"...

ריהרענד איז געוועָזען דעָר קורצער הֶסְפֵּד, וואָס דעָר קעָלנער ראַבּינער האָט געהאַלטען.

„אַ נָע וְנָד ביסטו דיין גאַנץ-לעבען געווען, גלייך מיט דיין פאָלק! נָע וְנָד ביסטו געפאַללען אין דער מִלְחָמָה פון דיין פאָלק אונ דאָך, נישט אין דער פרעמד ביסט דו געשטאָרבען, ליעבער שפּירא! דו ביסט אין דיין לאַנד געשטאָרבען, ווייל דיין לאַנד איז געוועזען די אידעע, די וויססענשאַפט"!

אויך ווייס ער, אַז דער פּראָפעססאָר שפּירא האָט געשריבען ווערק. טהייל זעננען געדרוקט, טהייל זעננען נאָך אין כְּתַב־יַד, מאַנכע — נאָך נישט געענדיגט.

חאַראַקטעריזירען דען פּראָפעססאָר שפּירא אַלס ציוניסט, איז אויך דעם סטודענט פילאָזאָפיע געוועזען צו שווער, אונ אין דעם פאַך, איז ער אויך יוצא מיט הויכקלינגענדיגע ווערטער, פון וועלכע מען קאָנן קיין טראָפען בעגריף נישט אויסדריקקען. „צו שרייבען די ביאָגראַפיע פון פּראָפעססאָר שפּירא — הייסט בעשרייבען דאָס לעבען פון די יודישע פאָלק אין די לעצטע 25 יאָהר!" קורץ אונ שאַרף! מיר ווייסען נור, אַז דער פּראָפעססאָר שפּירא איז געוועזען אַ ציוניסט דערצו אַ אידעאַליסט. די הויפּט־זאַך איז ביי איהם געוועזען צו עפענען אַ יודישען אוניווערזיטאָט אין יְרוּשָׁלַיִם; 1880 האָט ער געגרינדעט אַ חֶבְרָה יודישע סטודענטען אונטערן נאָמען „ציון". ער האָט אַ גרויסע ראָלע געשפּילט אין קאָנגרעס אין באַזעל. נור פון דעם וועט דער סטודענט פילאָזאָפיע רעדען „אויף איין אנדער אָרט". דאָ וויל ער נור בעמערקען, אַז דער פּראָפעססאָר שפּירא איז זעהר פרום געוועזען, כִּמְעַט פאַנאַ־טיש אונ האָט מעהר געהאַלטען פון דער ציוניסטיש־נאַציאָנעללער בעוועגונג אַלס פון פאָלקס־בילדונג.

„אויסבילדען אַ פאָלק, — שרייבט ער — איז נישט אַ שווערע זאַך (!) אין איין דור קאָנט איהר (?) אויפהייבען אַ לעבענדיג פאָלק ביז צו העכסטער שטופּע פון בילדונג (ווי אַזוי ?) אָבער שווער איז, מיינט דער פּראָפעססאָר, אַריין צו בלאָזען אַ לעבענס־גייסט"...

מיר מיינען פערקעהרט, אונ עס האָט זיך אויך אויסגעוויזען, אַז נאַציאָנאַל־פּאָליטיק איז זעהר לייכט צו פיהרען! ביי יעדעם

פֿאָלק אין הארץ ליעגט אונטערן אַש נאָך נישט דורכגעברענטע נאַציאָנאַל־קוילען, און עס איז זעהר לייכט צו זיין אַ דערולעד, אַ שטעקקער, אַ סובאָרין, אָדער אַ ניי מאָדישער קעלעמער מגיד. אבלאָז צו טהון, דאס פֿייער זאָלל אויפֿפֿלאַממען, בשעת די פֿאָלקס בילדונג שוויצט אויף שריט און טריט און ריהרט זיך נישט פֿון אָרט...

מיר האָבען פֿעראייניגט אַללע דריי ביאָגראַפֿיען, וואָס דער פֿערלאַג האָט אַרויס געגעבען, דעריבער, ווייל אַללע דריי צוזאַממען מאַכען גלייך מיט'ן „ספֿר הברית", זעהר אַ שלעכטע ווירקונג אויפֿ'ן לעזער.

ער ווערט געוואָהר: אַז מען מאַג רעדען אויפֿ'ן „אבן עזרא" מיט'ן „רמב"ם" נור נישט ריהרען אַ יודישען מנהג... אַז מען מאָג פֿערבייגען דען אמת, אַבי שלום, און אַז פֿאָלקס־בילדונג — איז גאָר נישט אַזוי וויכטיג... אַזוי זאָגט דער רש"ל, דער ביאַליסטאָקער רב, דער פּראָפֿעססאָר שפירא...

אונזער לעזער איז צופֿיעל אָנגעבילדעט, ער זאָלל וויססען, אַז אַ שוסטער דאַרף מאַכען שטיפֿעל און דער באָקקער בייגעל: אַז בײ'ם רש"ל דאַרף מען לערנען פֿערשטעהן אַ גמרא, דען ביאַליסטאָקער האָט מען געמאָגט אויף זיבער פֿראַגען אַ „טאָפּיל־לעפּפֿעל" שאלה, אָדער נאָכען געווינען אויף דער לאָטעריע, בעטען אַ נדבה... און — אַז ביים פּראָפֿעססאָר שפּירא האָט מען זיך געמאָגט לערנען מאַטעמאַטיק, ביי'ם פּראָסטען עולם איז אַ גרויסער מאַנן גרוים אין אַללעם: אַ גוטער באָקקער קאָנן געוויס שטיפֿעל אויך מאַכען! און דעריבער זאָגען מיר נאָך אַמאָל, דער פֿערלאַג עזרא מאָג שותפֿות מאַכען מיט'ן וואַרשויער דרוקקער...

בן־תמר.

זשאַרגאָן אַלס נאַציאָנאַל-שפּראַך.

בשעת מיר שרייבען די עטליכע ווערטער איז שוין אַרויס דער ניינטער נוממער „יוד“, און פון „אַללע יודישע אינטערעסען“ וואָס די רעדאַקציע פערשפּראָכט, זענען דערווייל בעשפּראָכען געוואָרען נור דריי... מען האָט גערעדט גאָר אַ סך וועגען ציוניזם, וועגען ערציהונג און וועגען העבראֵיש... וועגען ציוניזם האָבען מיר אַ סך געלעזען, נור וועניג וואָס געוואָהר געוואָרען. אים אַללגעמיינעם מאַכט דער יוד אין דעם פאַך אַ וואונדערליכען איינדריקק; עס זעהט אויס, אַז ער האָט עפּיס אויף דער לונג, נור ער וויל נישט, צי ער קאָנן נישט אַרויסזאָגען. בעמערקען לאָזט זיך עס איבערהויפּט אין דעם, וואָס אַנבעלאַנגט צום פּאָליטישען ציוניזם, צו דער פראַגע, ווער עס האָט רעכט: הערצעל, חובבי ציון, צי אַחד העם... מיר וועלען דערווייל די פראַגע אויך נישט בעריהרען; מיר וועלען וואַרטען ביז די רעדאַקציאָן, וועט זיך נאָהנטער ערקלאָרען וואו זי האַלט. אויך וועלען מיר נישט רעדען וועגען דער פראַגע פון פיזישער און מאָראַלישער ערציהונג, איבער וועלכע דער רעדאַקטאָר אַלליין האָט געשריעבען אַ גאַנצען המשך פון לייטאַרטיקלען, וויל זיי, די אַרטיקלען, זענען צו אָבערפלאָכליך; ער רעדט צום פאָלק אויף איין אופן, אַז עס דאַכט זיך אַז די אָרימע מאַססע, פאַר וועלכע דער „יוד“ עקזיסטירט וויל נישט, אָדער וויים טאַקי נישט, אַז אַ קינד דאַרף געזונד זיין, און גוט ערצוינגען ווערען. אַזוי מיינען, אייגענטליך, אַ סך און אַ סך, אויב נישט אַללע, העבראֵישע שרייבער, וואָס האָבען צו וועניג שייכות מיט'ן פאָלק, מיט דער אָרעמער מאַססע, און ה' ראַבניצקי, געהערט אויך צו דער חברה. ער האָט, חאָטש ער שרייבט שוין עטליכע יאָהר יודיש, נאָך די אַלטע טבע פון די אַלטע לשון־קודש'דיגע שרייבער, וואָס

בעטראַכטען אַלץ פֿון דער הויך. מיר ווייסען, אַז שולדיג אין אללעם איז דער דַלות; די אָרעמע עלטערן מוזען שיקען צו פֿריה דאָס קינד אין חֶדֶר אַריין, ווייל זיי האָבען עס נישט וואו צו האַלטען; אין דער הַיים איז ענג, ענגער נאָך ווי אין חֶדֶר, און עס פֿעהלט הַשְׁגָחָה נאָך מעהר ווי אין חֶדֶר, ווייל טאַטע־מאַמע זענען אַ גאַנצען טאָג פֿער־נומען מיט דַאֲגַת־פַּרְנָסָה. דאָס אייגענע האָבען מיר מיט דער „פֿעריען־פֿראַגע: (וואַקאַציע) מען האָט דאָס קינד ניט וואו אַהין צו־טהון אין דער צייט פֿון די עטליכע הייסע וואָכען, און וואו דאָס קינד וועט ניט זיין, וועט עס זיך ניט פֿיהלען גליקליכער ווי אין חֶדֶר.

דעם אָרעמאַנן פֿעהלט ברויט, און שוהלען אַוַדַאי... בִּפְרַט אַנשטאַלטען פֿיר קינדער... דער מְלַמֵד, איז קיין גוטער מְלַמֵד, נור פֿאַר דאָס געלד, וואָס דער אָרעמאַנן צאָהלט, קאָנן קיין בעסערער נישט זיין... צו דעם שְׁבִירוֹת קאָנן נור בעגגען אַ „לא יִצְלַח", וואָס האָט שוין אַלץ אויסגעפּרובט און ווייסס, אַז ער טויג צו גאָר נישט. אַז דער מְלַמֵד איז אַ לא יִצְלַח, איז אַ לא יִצְלַח דער לִימוּד, און אַזוי ווייטער און ווייטער — אַ ראָדעל אָהן איין אָנהייב, אָהן אַ סוף...

קָהָל — קאָנן אויך וועניג העלפען, ווייל אונזערע קְהִלוֹת זענען אָרעם, ווי דאָס רוב בַּעֲלֵי־בָתִּים... מיר זאָגען נישט, אַז דער פֿאַנאַטיזם האָט גאָר קיין שולד נישט דאַרינגען, מיר מיינען נור, אַז ער האָט די קלענסטע שולד; דער עִיקָר איז דער דַלוּת. דאָס יודישע אָרימקייט... אויך איז ה' ראַבּיניצקי נישט אַרויסגע־טראָטען קעגען פֿאַנאַטיזם דערצו איז ער צו גוט און עדעל, ער זאָל עמיצען אָנחאַפּען ביי דער באָרד און זיך בייזערן...

ער האָט זיך גלאַט אַנידער געשטעלט אויפ'ן בִּימָה און מוֹסֵר געזאָגט, לייטיש ווארם מוסר פֿון הארץ צו האַרץ. ד. ה. נישט מיט האַרץ, נור פֿון האַרץ...

מיר וועלען זיך נור דעריבער אָבשטעלען ביז דער דריטער פֿראַגע, וועגען העבראַיש.

וועגען דעם האָבען מיר בעקוממען אַ בריעף פֿון אַ בעקאַנטען

ער שרייבט כְּהַאי לִישְׁנָא:

„די צייטונג „דער יוד" עקזיסטירט שוין אַ היבשע צייט. זי רעדט, לויט איהר פּראָגראַם, צום איינפאַכען יוד אין איינפאַך יודיש. דאָך בעמערקט מען די גאַנצע צייט, אַז זי וואַקקעלט זיך, אַז „דער יוד" פיהלט זיך דאָך פרעמד צווישען יודישען עולם, און האַלט זיך אַלץ אין איין פעראַנטפערן, פאַר וואָס ער, „דער יוד", רעדט יודיש, פּונקט ווי אַ קליין שטאָדטילדיגער סוחר פעראַנטוואָרט זיך תָּמִיד, פאַר וואָס ער גיט אַ פאַלשע וואָג... רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם — זאָגט דער קראָמער, דו ביזט דאָך מיין עֵדוּת, אַז איך וויל דאָס נישט טהון! איך מוז אָבער! עס איז דאָ אַ ווייב און קינדער, זיי דאַרפען דאָך לערנען דיין תּוֹרָה; בִּפְרַט איך נאַרר דאָך נאָר אָב אַ גוי... אזאַ'ן אַרט פעראַנטפערן הערט מען די גאַנצע צייט פון דער רעדאַקציאָן, גלייך ווי זי פיהלט זיך זעהר שולדיג, וואָס זי האָט פערביטען די הייליגע שפּראַך אויפ'ן שוסטער־לָשוֹן... איך רעד נישט פון אַזאַלכע אַרי־גענאַללע מיינונגען ווי פון ה' אד"ם אין נומער 7 האָט ארויסגעגעבען, וועלכער האָט, נאָך זיין גאַנצע אייראָפּאַעישע בילדונג, מיט וועלכע ער שטאָלצירט דאָרט נישט איין מאָל, אַרויסגעצייגט מעהר נאַאיוויטעט (תְּמִימוּת), ווי דער פּראָסטער יוד, וועגען וועלכען ער רעדט.

ער דיענט אונז אַלס מאָדעל, אַז די אייראָפּאַעישע שפּראַכען אַלליין גיעבען גאָר נישט. א י ה ם וואָלטען מיר וועלען נור דער־מאָהנען, אַז אַ שפּראַך, איז נור אַ שליעסעל מיט וועלכען מען קאָנן אָפּפענען שפּייז־אַלמערס, אַז דער הויפּט איז, אויב דאָרט איז עפּיס דאָ.

מיר וואָלטען איהם דערמאָנען, אַז די אַללגעמיינע „וואַרהייט" נויטהיגט זיך ניט אין קיין פיינע שפּראַך, זי בעגנוגענט זיך מיט איין וואָרט; אַז וואָס ריכטיגער דער געדאַנק איז, נויטהיגט ער זיך אַלס וועניגער אין צופוטצען, אין „מְלִיצָה", און זאָ ווייטער און זאָ ווייטער. מיט איין וואָרט, מיט א י ה ם ברויכט מען אָנהייבען פון אַלֶף בֵּית — און דַוְקָא אויף זשאַרגאָן...

נור איך רעד פון דער רעדאַקציאָן: זי זאָגט אויך נישט איין מאָל, אַז דאָס רעדען אויף זשאַרגאָן י ע צ ט, איז נור פאַר נויטה,

זוייל דאָס פֿאָלק קאָנן נישט קיין העבראָיש; דער ציעל אָבער איז, אַללע זאָללען קאָננען העבראָיש... לעזענדיג דאָס אַללעס, קאָנן איך זיך נישט איינהאַלטען אונ ווענד מיך מיט פֿאָל־גענדע בעמערקונגען: וואָס איז די וויכטיגקייט פֿון אַ שפּראַך? ווי אַזוי ווערט זי הייליג? איך מיין, אַז אויף דער פֿראַגע קאָנן זיין נור איין אַנטוואָרט: אַ לעבענדיגע שפּראַך, אַ מיטטעל דורך וועלכען אַ טהייל מענשען צייכנען אויס זייער פֿרייד אָדער לעבען דורך איהר, פֿערדיענט אויף שאַטצונג אַזוי ווי אַ טהייל לעבען אַלליין. דעריבער שאַטצען מיר אַלטע אויסגעדיענטע שפּראַכען, אַזוי ווי מיר שאַטצען אַלטע אויסגעדיענטע מענשען. שטעהענדיג אַלזאָ אויף דעם שטאַנד־פּונקט, פֿערשטעהע איך נישט, פֿאַר וואָס האָט נישט זשאַרגאָן ערשט די זעלבע רעכט, ווי העבראָיש אַמאָל? ווי באַלד, אַז זי איז יעטצט אַ לעבענדיגע שפּראַך, אונ זי דיענט טריי דעם לעבען אַזוי ווי די העבראָישע אַמאָל; מיט וואָס׳שזע שטעהט זי פֿאַר איהר ניעדריגער? פֿאַר וואָס זאָלל זשארגאָן נישט האָבען די זְכִיָה זאָגאַר צו רופֿען זיך אַ נאַציאָן־שפּראַך היינט, ווי די העבראָישע אַמאָהל? אַ שפּראַך אויף וועלכער עס רעדען מילליאָנען מענשען, אונ, אַללענפֿאַלס, מעהר, ווי דאַנן אויף העבראָיש; אַ שפּראַך, וואָס לעבט אונ ענטוויקעלט זיך, מיט וואָס האָט זי זיך פֿערזינדיגט, וואָס מען וויל איהר טוישען? מען זאָגט אונז: העבראָיש איז אונזער־שפּראַך, אויף איהר האָבען מיר אַ ליטעראַטור, זי איז פֿון אייביג אָן געוועזען אונזער פֿאָלקס־שפּראַך, — ערשטענס איז דאָס נישט אין גאַנצען וואָהר. די הויפּט צייט, וואָס יודען האָבען עקסעסטירט אַלס נאַציע, ד. ה. צוזאַממען אונטער איין רעגירונג, איינע געזאָטצען, דאָס איז נאָכ׳ן גָלוּת בָּבֶל, האָבען יודען שוין העבראָיש פֿערגעססען, אונ דאָך האָט עס זיי נישט געשאַדעט עקסעסטירען, נישט דיענען מעהר קיין גאָטצען, ווי זייערע עלטערן, וואָס האָבען גערעדט העבראָיש, שלאָגען זיך פֿאַר פֿרייהייט; אונ זיי האָבען דאַנן אויך גערעדט זשאַרגאָן. איבערהויפּט מיין איך, איז יעצט גאָר דער אַלטער יָחִים קאָלטער געוואָרען, דען מיר קאָננען דאָך נישט שאַטצען דעם עלטערזיידע׳ס שפּראַך מעהר, ווי

איהן אַלליין ... די ליטעראַטור פֿאַר וועלכע עס איז דאָ ביי אונז אַזוי פֿיעל אַפּוטרופּסים, איז שוין אַזוי פֿיעל איבערגעזעטצט געוואָרען אין אַנדערע שפּראַכען, זי האָט שוין אַזוי פֿיעל זאָרגערס אַרום זיך ביי זיי, לְהַבְדִיל, אַז די פֿרישע זאָרג פֿון די יודישע שרייבערס איז איבעריג. בִּפְרַט אַז זיי האָבען צו זאָרגען פֿאַר עטוואָס וויכטיגערס. צווייטענס — זיי פֿערגעססען דען הויפּט און האַפּען זיך צו דער ביי זאַך; זיי פֿערגעססען, אַז אַ שפּראַך און אַ ליטעראַטור קאָננען אונז פֿאַראינטערעסירען נור אויף אַזוי ווייט, אויף וויפֿיעל זיי ריכטען צום לעבען, אָבער דאָס לעבען אַליין איז דאָך די וויכטיגסטע זאָרג. איך פֿראָג מיט וואָס איז דאָס יודישע פֿאָלק אונגליקליכער פֿיר אַנדערע פֿאָלקער? פּרייסען האָט מיט אייניגע הונדערט יאָהר צוריק גערעדט סלאַוויאַניש און יעצט רעדט זי — דייטש. און דאָס האָט איהר נישט געשאַדט צו שטעללען זיך אין דער שפּיטצע פֿון די דייטשע רעגירונגען. די שפּראַך, וואָס די ענגלאָנדער רעדען הייטע איז נישט אָהנליך אויף די אַמאָליגע; מען זאָגט גאָר אַז עס איז אַ זשאַרגאָן; פֿראַנצאָזיש איז אַ זשאַרגאָן פֿון לאַטייניש. די סלאַוויאַנישע שפּראַכען זענען אָהנליך איינע צו דער צווייטער. דאָס אַללעס ווייסט דער „יוד" און פֿערשטעהט, נור זיך קאָנן ער דאָס נישט מוחל זיין. מען זאָגט אונז, אַז די אינטעליגענץ ערווייטערט זיך פֿון זשאַרגאָן. עס איז נישט קיין ליטעראַטור, ער האָט נישט קיין גראַממאַטיק. אֱמֶת! נור מיינט איהר פֿיללייכט, אַז דאָס איז דער ערשטער פֿאַקט אין היסטאָריע? ניין, עס האָט שוין פּאַססירט: אין רוססלאַנד מיט 120 יאָהר צוריק, האָט די גאַנצע אינטעלליגענץ גערעדט פֿראַנצאָזיש, געוועזען פֿון זייער שפּראַך מיט דער זעלבער מיינונג, וואָס יודישע אינטעללעגענץ וועגען זשאַרגאָן. די שפּראַך האָט נישט געהאַט קיין אין ביכעל, קיין גראַממאַטיק, און דאָך אין אַ קורצע צייט אַרום, ווי נור מען האָט געעפֿענט דען פֿערשפּאַרטען פֿענסטער אין אייראָפּיא אַריין, די פֿרישע לופֿט האָט פֿערטרישט דען אַלטען פֿערשטיקטען רֵיחַ און דאָס פֿאָלק האָט זיך אַ ריהר געטהון און געבעטען אַ טרונק, איז בעשאַפֿען געוואָרען אַ ליטעראַטור, ווענען אַ גראַממאַטיק איז קיין רעדע! דוכט זיך עס

איז שוין צייט צו פערשטעהן, אַז אַזוי ווי די צאָהל וואָרטער פון אַ שפּראַך וועגדט זיך אין זיין שטאַנד אין ענטוויקלונג : וואָס האָבער דאָס פאָלק איז ענטוויקעלט, יאָ מעהר האָט עס וואָרטער. עס איז דאָ דעריבער ווילדע, וואָס האָבען אין גאַנצען עטליכע צעהנדליג וואָרטער. אַזוי איז אויך מיט דער ליטעראַטור. אין דער ליטעראַטור שפּיעגעלט זיך אָב דעם פאָלקס לעבען. וואָס געבילדעטער דאָס פאָלק איז, וואָס רייכער זיין לעבען איז, דעסטא גראָססער איז זיין ליטעראַטור; דאָס קליינע ווערק אויף זשאַרגאָן צייגט נישט אויף די אונפאָהיגקייטען פון דער שפּראַך אָדער פון די שרייבער, נור אַז דאָס פאָלק איז זעהר ניעדריג אין ענטוויקלונג, עס פיהלט נישט קיין בעדערפנים אין בילדונג, עס ליעגט ווי אַ קינד אין בלאָטע און שלאָפט איין. אַלזאָ איז יעצט אונזער אויפגאַבע איהן צו וועקען, שלעפען איהן אַרויס פון בלאָטע, געבען איהם צו פערשטעהן, אַז עס איז שוין קיין קינד נישט, אַז חאָטש עס איז זיס געשלאָפען, זעננען די יאָהרען געלאָפען און מיט זיי זיינע קאָמעראַדען. אום דאָס צו ערדייכען מוססען מיר אַראָב לאָזען זיך צו איהם. רעדען מיט איהם אויף זיין שפּראַך, און אויך דאַנן וועט אנקוממען מיט גרינגע גאַלל איידער ער וועט אייך אויס הערען

אַם ענדע האַלט איך נאָך פיר נויטהיג צו דערמאָהנען די, וואָס בינדען אָן תְּחִיַּת הַלְאוּם אין תְּחִיַּת הַשָּׂפָה אָדער פערקעהרט, אַז זיי פערגעסען, אַז וואָס מעהר אוננאַטירליכער עס ווערען זייערע פאָרדערונגען, נויטהיגט מען אַלס מעהר אין נִסִים... און אַז ביי אַ געשטאָרבענעם קאָנן אַ געזונדער אויך קראַנק ווערען...

מ. ראובן שטיין.

וואַרשא, 12/7 1899.

זיך אָבְּגֶעַנאַרְט.

(סצענע פֿון לעצטען קריזיס).

אין קאַבינעט זיטצען הערר יאַקאָב פלאַטצמאַן און זיין פֿרוי העלענאַ. ער איז פֿערטיעפֿט אין זיינע געדאַנקען. דער „קוריער" ציטטערט אין זיינע האַנד; זי זיטצט אויף דער אָטאָמאַנע און איז פֿערטיעפֿט אין איין אַללערנייסטען ראָמאַן. ער רייבּט נערוואָז מיט דער האַנד דעם גערונצעלטען שטערן, און רוקט אַללע ווייל̈ע דעם שטוהל אונטער זיך, ווי ער וואָלט איהם אַ זיכּערען אָרט וועלען געפֿינען, נור זי זעהט דאָס אַללעס נישט, דער ראָמאַן איז זעהר אינטערעסאַנט. ענדליך האָט ער שווער אָבּגעזיפֿצט, זי האָט ערשראָקקען אַוועק געריסען דעם בּליק פֿון בּוך, און האָט זיך פֿערטראַכט, קוקענדיג אויף איהר מאַנס בּלייך געזיכט. זיין זיפֿץ האָט איהר געטראָפֿען אין טיעפֿען האַרץ. „ווער וויים? ווער וויים?" לויפֿט איהר אַ געדאַנק דורך דעם מֹחַ, — עפּיס איז ער מיר שוין פֿון עטליכע וואָכען אַזוי אונרוהיג... פלאָטצער זענען שרעקליך געפֿאַללען... די חובות זענען גרויס... ווער וויים?... זי פֿערקוקט זיך אויף איהם אַ היבּשע ווייל̈ע, און בּעשליעסט זיך איינמאָל אויף אַללע מאָל דורך צו רעדען זיך מיט איהם.

זי: מיין מאַנן! דו בּיסט פֿערזאָרגט, מיר דאַכט זיך, אַז עס איז עפּיס וויכטיגעס געשעהען; און דו ווילסט מיר נישט זאָגען, דו ווילסט מיר עַגְמַת־נֶפֶש איינשפּאָרען? ניין, אַ ווייבּ דאַרף פֿון אַללעם וויסען!

ער: נאַ דיר! ווייבּערישע זאָרג! אַז איהר האָט שוין גאָר נישט וועגען וואָס צו זיפֿצען, קלערט איהר אַייך אויס פֿון קאָפּף נישט געשטויגענע און נישט געפֿלויגענע זאָרג, אַבּי זיך דְאָגות צו פֿער-

שאַפֿען, מען איז דאָך נור אַ מענש, שטאַנדיג טאַנצען און זינגען קאָן מען אויך נישט.

ז י: ניין, מיין מאַן, דו זאָגסט אַצינד נישט אֶמֶת. דיין פָּנִים איז זעהר פֿעראַנדערט, וואָס איז? איך בעט דיך, זאָג מיר, האָסט געלד פֿערלוירען?!

ע ר: עס חָלומט זיך דיר בייזע חֲלומות, מיין ליעבע פֿרוי.

ז י: קוק נור מיר גלייך אין די אויגען, ס׳איז וואָהר? מיר זענען פֿערלוירען?!

ע ר: קינדהייט, נאַרישקייטען!

ז י: דו ווילסט מיר דעם אֶמֶת נישט אויסזאָגען! דו מיינסט איך אַלס פֿרויענצימער, וועל דאָס נישט אויסהאַלטען, איך וויים גוט: הייזער און פּלאַטצער זענען געפֿאַללען... זאָג, מיר טרינקען זיך? איך בעט דיך, זאָג פֿיללייכט איז נאָך דאָ איין עֵצָה? אין איין אונגליק זענען פֿרויענצימער אַזוי שטאַרק, ווי מאַנסלייט, אֶפְשר פֿיהרט מען אַ צובריים לעבען; דו מיינסט, אז איך קאָנן מיך אָהן בריליאַנטען און זיידענע קליידער נישט בעגעהען? זאָג נור איין וואָרט, וועל איך זיי באַלד פָּטור ווערען, עס וועט מיר אַ שטיין פֿון האַרץ אַראָב; נישט שטאַנדיג האָט מען פֿערגעניגען פֿון בריליאַנטען; אַ טרעהר פֿון פֿרייד אין די אויגען לייכט מעהר, אַלס אַ דיאַדעם פֿון בריליאַנטען אויפ׳ן האַלז, זאָג מיר דעם אֶמת. איך וואַרף דאָס אַלס אַוועק!

ע ר: אַך! וואָס פֿאַר אַ גוטע פֿרוי דו ביזט! עס איז אָבער נישט נאָטהיג, דיין נְדָבָה איז איבריג, איך וויל בעסער זעהען בריליאַנטען אין דיינע אויערן, עהדער טרערען אין דיינע אויגען, האָב נישט פֿאַר איבעל וואָס איך רעד אַזוי ס׳איז אֶמת, איך האָב עָגְמַת נֶפֶשׁ, נור דאָס איז וועגען ס א ל אַ מ ע א.

ז י: אונזער טאָכטער?

ע ר: וואָס איז מיט איהר? וואָס זאָל דאָס בעטייטען, וואָס פֿון דער הויכצייט אָן, געהט זי אַרום ווי אָהן אַ קאָפּף? זי זעהט זעהר שלעכט אויס! מיט איין וואָרט — איך האָב דערפֿון זעהר פֿיעל שמערצען.

זי: דו האָסט פערדרום אויף זיך אַליין?

ער: איך פערשטעה דיך נישט.

זי: וועֶר איז דען שולדיג אויב נישט דו? דו האָסט זי דערצו געצוואונגען!

ער: וואָס? דער שׁדוך געפעֶלט דיר נישט? ער איז נישט גענוג רייך? אַ האַלבען מיליאָן רובעל! אַ שפּאַס! דער שׁדוך איז פּשוט אַ גליק געוועֶן.

זי: צי האָסט דו סאַלאָמעאָ'ן געפרעגט, אויב דאָס גליק איז אויך איהר גליק?

ער: איך האָב זי דען געצוואונגען? דו אַלליין האָסט דאָך מסכּים געוועֶן.

זי: וועֶר האָט אָבער געקאָנט פאָראויס וויסען, אַז עס וועט זיך אַזוי מאַכען?

ער: וואָס מיינסט דו דאָס מיט דעם „אַזוי מאַכען"? וואָס טייטש, עס פעֶהלט איהר עפּיס? בריליאַנטען, קאַרעטען! דאַכט זיך, ער שפּאָרט איהר נישט פון פויגעל־מילך. ער טראָגט זי אויף די האָנד, אַללע זעֶנען איהר מקנא, און זי... ווייסט וואָס? איך וואָלט מיך געוואָלט דורכרעדען מיט איהר.

זי: אַזעלכע זאַכען געהערען אַפילו צו אַ מוטטער, נור איך וועֶל דיר צוליעב טהון.

זי איז אַרויס פון קאַבינעט שיקען נאָך סאַלאָמעאָ'ן. העֶרר פלאַטצמאַן איז אַליין געבליעבען.

שלעֶכט! האָט ער צו זיך געמורמעלט, איך טרינק זיך! איך בין פערלוירען!.. זי מיינט, אַז איהרע בריליאַנטען קאָננען העֶלפען... אָ, וואָס הויבט מען אָן צו טהון?! דער קאָפּף ווערט צו שפּאָלטען, דאָס הארץ פּלאַצט, און קיין רעטונג!... קיין רעטונג!... און די וועֶקסלען, די פאַלשע וועֶקסלען! אַך, איך האָב נישט געדעכענט, אַז עס זאָל זאָ גיך געשעֶהען... יאָ, וואָלט זי אַ גוטע טאָכטער געוועֶן! זי קאָנן מיר העֶלפען, זי איז שאָן, ער ליעבט זי, זי וועט ביי איהם אַללעס פועל'ן, און ער איז רייך, ער זאָל נור וועֶלען.

קאָנן ער, מיין איידעם!...

אין טהיר בעווייזט זיך סאַלאָמעאָ, אַ יונגע שאָנע פֿרוי נור מיט זעהר אַ בלייכֿען געזיכֿט אונ אַ נערוואָזען שטרענגען בליק.

סאַלאָמעאָ: דער פֿאָטער האָט געוואָלט מיט מיר רעדען?

ער: יאָ! איז דאָס וואַהר, מיין קינד, וואָס די מאמע זאָגט מיר, דו שפיערסט דיך נישט גליקליך?

סאַלאָמעאָ: אויב וועגען דעם האָט דער פֿאָטער געוואָלט מיט מיר רעדען, וואָלט גלייכֿער געווען, מיר זאָללען נישט רעדען אין גאַנצען: מיר וועלען זיך נישט פֿערשטעהן.

ער: דיינע רייד קאָננען מיר קיין פֿערגעניגען פֿערשאַפֿען.

סאַלאָמעאַ: וואָס האָט דער פֿאָטער געוואָלט זאָגען?

ער: מיין קינד, איך מוז דיך אויפֿמערקזאַם מאַכֿען אויף מיין יעצטיגער לאַגע! דו ווייסט, וואָס דיין ערציהונג האָט מיר געקאָסט. איך האָב דיך געוואָלט גליקליך מאַכֿען, זאָלסט קאָנען אַ גליקליכֿע פּאַרטיי שליעסען, אונ עס איז מיר, געלויבט איז גאָטט, געלונגען, דו ביזט שאָן, רייך אונ קאָנסט גליקליך לעבען. מיר אָבער... דו ווייסט, מיר זענען געוואָהנט גוט צו לעבען, אונ היינט, מיין קינד!.. ס'איז פֿערהאַן עפּיס ערגערס, ווי נויט ליידען, איך וועל דיר קורץ זאָגען, עס וואַרט מיך געפֿענגנים...

סאַלאָמעאָ הערט שטיל דעם פֿאָטער אונ אָנטווערט נישט. ער וואונדערט זיך.

ער: איך מוז דיר אַלס זאָגען, איך האָב שוין פֿון אַ צייט דיך אונ דיין מאַמען גענאַרט, איך בין שוין לאַנג שמאָל געשטאַנען, דאָך האָב איך געהאָפֿט, עס וועט זיך פֿערבעסערען, איך וועל אַ פלאַטץ פֿערקויפֿען, וועל איך די וועקסלען אויסקויפֿען... איך האָב געדרעהט, איך האָב געמוזט דרייען. אַלץ האָט אָבער פּלוצלינג אויפֿגעהערט, אונ איך שטעה יעצט אויף אַ צערבראָכֿענע ברעט אין מיטטען יַם, אַז איך וועל די וועקסלען אין די טאָג נישט אויסקויפֿען, בין איך פֿערלוירען, איך וועל מיר מוזען... מיין לעבען נעמען! קינד מיינס, נור דו קאָנסט מיך ראַטעווען, נור דו קאָנסט מיר העלפֿען!

סאָלאָמעאָ: איך?!

ער: יאָ, נור דו! דיין מאַנן איז זעהר רייך! ער האָט דיך ליעב, ביזט שאָן — ער וועט דיר נישט אָב זאָגען.

סאָלאָמעאָ: (צאָרניג) איך קאָן העלפען?! דו ווילסט, איך זאָל מיין מאַנן הייסען בעצאָהלען פאַר מיין שאָנהייט? מיין ליבער גאָטט! און איבער דעם האָט מען מיך געצוואונגען מיט איהם חתונה האָבען? דו מיין פאָטער האָסט זיין געלד געברויכט און דו האָסט מיך פערקויפט? אָ, אונגליקליכער פאָטער! האָסט א טעות געהאַט, א שרעקליכען טעות!...

ער: (איבערראַשט) וואָס פאַר א נייעס?!

סאָלאָמעאָ: אָ, אַלטער אָבגענאַרטער מענש! געליעבט, זאָגסט דו, האָט ער מיך?; ירושה האָט ער געוואָלט נעמען! יאָ, ירושה, און נאָך ביי דיין לעבען! איך געה ערשט פון איהם, ער האָט מיך מיט טרעהרען געבעטען, איך זאָל ביי דיר פיר איהם הילף בעטען, אַ נישט, איז ער פערפאַללען; ער איז באַנקראָט, זיין איינציגע האָפפנונג ביסט דו! אָ, שווינדלער! מענשענהאָנדלער!...

זי האַקט צאָרניג די טהיר צו...

שלמה גראסגליק.

דֶער פַאְרפְרוֹיֶרעְנֶער טַייךְ.

(פאנטאזיע).

ניט איין טאג, ניט צוויי און ניט דריי טאג האט דער פראסט זיך געפרובט אב צו שטעלען דען טייך. אללע טאג פלעגט ער אן קוממען אויף א בייזערען ווינד און פלעגט ווילד בלאזען. נור עס האט איהם נישט געהאלפען, דער טייך האט זיך געטהון זיינס; געפליעסט און פראהליך גערוישט.

און דער פראסט האט זיך נישט געקאנט בערוהיגען, ער מוז דעם טייך וויזען ווער אלטער איז! און וואס א טאג פלעגט זיין צארען ברענענדיגער ווערען, און מיט אללערליי בייזע ווינדען, שטורימס און שנעען פלעגט ער דען טייך בעלעגערען.

און ביסליך-ווייז האט זיך דער טייך אנגעהויבען אונטערצו-געבען, ער האט זיך מיט וועהטאג איבערציינגט, אז ער האט דא מיט א שטארקערען, מיט א בייזערען צו טהון.

פערפאלען, עס מוז געשעהן!

אין איין פריה-מארגען האט ער זיך דערפיהלט ווי פערצויגען מיט א בעלמא (א הייטעל) און נור ווי דורך א נעבעל זעהט ער דען הימעל, דעם צווייטען טאג האט ער זיך נאך ערגער געפיהלט, די בעלמא איז דיקער געווארען און דער הימעל איז שוין אין גאנצען פערשטעלט. דאס בעוועגען זיך ווערט איהם אלץ שווערער און שווערער, און שפיעלען זיך מיט די חוואליעס איז גאר שוין אונמאגליך.

און אויפ'ן דריטען טאג איז ער פערשטארט געבליעבען.

ער האט זיך געשטעלט!

שווער איז זיך איהם צו צוגעוואהנען צו אזא שטילקייט, צו אזא טויטקייט, ער רייסט זיך ער וויל ארוים שפרינגען — אומזיסט.

און וואס א טאג ווייטער, פיהלט ער אלץ נאהנטער דעם טויט

און דער דיקער איז פּרעסט איהם ווי מיט טויזענדער שטיינער.

און אַז ער ווערט אין גאַנצען טויט ווערט אַ שִׂמְחָה אין שטאָדט:

— דער טייך האָט זיך געשטעלט! קומט זיך גליטשען!

זיין האַרץ אָבּער לעבּט.

ער פיהלט ווי איבּער איהם לויפען אום טאַנצענדיג טויזענדער פיס, ער הערט טויזענדער יונגע שטימען, וואָס צעמישען זיך און גיעסען זיך צוזאַמען מיט דעם רוישען פון דער מוזיק.

ער הערט זיך גוט איין, און דערקענט די שטימען; די זעלבּיגע שטימען האָט ער מיט אַ האַלבּ יאָהר צוריק געהערט זינגענדיג, ווען ער האָט גרינג זייערע לאָדקעס געטראָגען.

נור דאַמאָלס זענען זיי מילדער, ווייכער געווען; דאַמאָלס האָט ער גלייך מיט זיי געזונגען, גלייך מיט זיי געלעבּט, און גלייך מיט זיי אָנגעקוקט דעם לויטערען הימעל אין דער זוממער־נאַכט.

און יעצט איז ער אַליין טויט, נור ז י י לעבּען און פרייען זיך אַזוי ווילד און פערדאָרבּען.

און וואו? — אויף זיין קֶבֶר!...

און זיין האַרץ פלאַצט דאָרט אינווענדיג...

בְּלֶאטְטֶער.

I.

פ ר י ה ל י נ ג. דער וואָכטער פון שטאָדט־גאָרטען זיצט בּיים טויער און בּעטראַכט די בּוימער, זיין אויג קאָנן זיך זאַטט ניט אָנקוקען.

די בּוימער שטעהען פערציערט אין טויזענדער גרינע בּלאָטטער, און קוקען מיט שטאָלץ אַרויף צו דער ליכטיגער זונן, ווי זיי וואָלטען ריידען: נא, זעה, מיר האָבּען זיך קעגען דיר ניט וואָס צו שאָמען!

דער וואָכטער פערלאָזט דאָס בּענקעל אויף וועלכען ער זיצט,

און געהט זיך דורך די אַללעען. ער פֿעררייסט דען קאָפּ אין דער הויך און זיין אויג ווערד אָנגעגאָססען מיט אַליעבשאַפֿט צום גאָרטען; ער וואָלט וועלען די אַללע בוימער און בלאָטטער אַרום נעהמען אַזוי ווי אַ קינד, און זאָגען: איך האָב אייך ליעב!

ער הייבט אויף די האַנד און וויל אַברייסען אַ צוויינעלע.

נור ער האָט חֲרָטָה:

— אַזוינע שאָנע בלאָטליך! מען דאַרף זיי ניט רייסען, אַ רַחֲמָנות!...

II.

הערבסט. אַ קאַלטער ווינד בלאָזט און רייסט אונערבאַרעמ־ליך די פֿערגעלטע בלאָטטער פֿון די בוימער; זיי פֿאַללען איינס נאָך דאָס צווייטע אויף דער פֿייכטער ערד, און בעטען אוים די אַללעען.

איבער די אַללעען געהט אום דער וואָכטער מיט אַ בעזעם. זיין בליק איז פֿינסטער און צאָרענדיג...

ער קעהרט זיי צונויף אין איין קופּע, בלייבט שטעהן, ווי פֿערטראַכט און ברומט אַרוים.

— וואָס טהוט מען מיט זיי? פֿערפֿלוכטע בלאָטטער!...

א. רייזען.

בִּיבְּלִיָאגְרַאפְיֶע.

דער יוד

צייטשריפֿט פֿיר אַללע יודישע אינטערעסען.

די חֶבְרָה „אַחיאָסף" וואָלט פֿערדיענט ביי דעם פֿאָלק דעם בעסטען דאַנק פֿאַר איהר אונטערנעהמונג אַרוים צו געבען אין יודיש

אַ צייטונג פיר אַללע יודישע אינטרעסען; ליידער אינטערעסירט זיך חֶבְרַת „אַחיאָסף" מיט דער העבּרעאישער שפּראַך און מיט'ן ציוניזם מעהר ווי מיט אַלץ, פונקט ווי ווענן אַללע יודען וועלען שוין קאָננען העבּראֶיש און זיין ציוניסטען, וועט די יודישע פראַגע זיין געלאָזט און עס בּלייבּט שוין מעהר ניט וואָס צו טהון. דאַריבּער בּעטראַכטען מיר דערווייל דעם „יוד" ניט אַלס ליטעראַרישע ערשיינונג, נור אַלס אַגיטאַציאָן פיר דען ציוניזם און העבּרעאישער שפּראַך, חאָטש מיר זאָגען ניט אַז דער „יוד" האָט גאָר קיין גוטע אַרטיקלען נישט, דער אמת איז אונז טהייערער פיר אַלץ — מיר געפינען דאָרט גאַנץ אָפט שיינע בּילדער און ערצאֶהלונג פון אונזערע בּעליעבּטע שרייבּער י. ל. פּרץ, מענדעלע מו"ס, שלום־עַליכם א.ד.ג., זעלטען — אָבּער דאָך הערט זיך אַמאָל — אין לירישער טאָן פון אַ מאַנכען יונגען דיכטער; נור דאָס אַלץ איז אָבּער ניט אין שטאַנד צו פערגלאֶטטען די פעהלער און טומפּיגקייט, וואָס דער „יוד" מאַכט מיט די פילע אַנדערע אַרטיקלען, מעהרסטען־טהייל פון די העבּרעאישע שרייבּער, וואָס לאָזען זיך אַראָב פון דער הויך צום פאָלק, און פון גרוים רושם, וואָס דאָס פליהען מאַכט אויף זיי, ווערען זיי צוטומעלט און ווייסען ניט וואָס זיי ריידען. בּריינין וויל, אַז אַללע יודען זאָללען קאָננען העבּראֶיש, און ער בּענוגענט זיך ניט מיט'ן נייעם יונגען דור אַלליין, — ער וויל, אַז אַפילו עלטערע מענשען, אַז אַפילו בַּעֲלֵי־מְלָאכוֹת, וואָס קוממען פערהאָריוועטערהייט פאַר נאַכט אַהיים, זאָללען אַנשטאַט אָבּרוהען — נעהמען זיך חַזְרְן „פָּקַד, פָּקַדְתִּי", איך האָבּ בּעפעהלט, דו האָסט בּעפעהלט... און לובּעצקי זיטצט אין וויען און חָלוּמְט דאָרט פון יְרוּשָׁלַיִם, פון מִזְבְּחוֹת, בֵּית הַמִּקְדָּשׁ און קָרְבָּנוֹת און ער פאָדערט, אַז דער ציוניזם זאָלל „אָנציילען" טויזענדער קָרְבָּנוֹת פון פאָלק, יודען זאָללען זיך מַקְרִיב וּמַפְקִיר זיין, כְּדֵי די העבּרעאישע ליטעראַטור, וואָס איז זעהר אָרעם אין בּעלעטריסטיק, זאָלל האָבּען פאָרצושטעלען טיפען, העררויען, העלדען...

עס לוינט! בּיי ה' ליובּעצקען איז אַללעס פערטיג: אַ מִזְבֵּחַ — די ליעבּע מוטטער ציון; פּריסטער זיינען דאָ גענוג —

ה׳ ליובעצקי עט קאמפ. עס פעהלען נור קָרְבָּנוֹת — „טוויזענדער קָרְבָּנוֹת" וואס זאללען געהן צום מִזְבֵּחַ מיט־חֵשֶׁק מיט „הִתְלַהֲבוּת" שֶׁל מִצְוָה, ווי איין אינדישע אַלְמָנָה, אויפ׳ן פייער.

אונ דאך איז „דער יוד" דער איינציגער ארגאן, וואס רעדט צום יודען יודיש, אונ קאנן פיעל נוטצען ברענגען אונ פערשפרייטען צווישען פאלק „ליבע אונ לעבען", ווי דער „יוד" פערשפרעכט אין די לעטצטע נומערען, אונטער דער נייער רעדאקציאן.

מיר ווינשען דעם „יוד" גליקק אונ לאנג־לעבען, ער זאלל ערהליך אונ טריי דיענען אללע יודישע אמת׳ע אינטערעסען.

אונ אינטערעסירען דארף זיך דער „יוד" מיט אלץ, מיט וואס עס אינטערעסירט זיך די גאנצע וועלט, די גאנצע מענשהייט...

די יודישע וועלט

א זאממלונג ערצאהלונגען פון מ. ספעקטאר. ווארשא תרנ"ט.

אין די יודישער וועלט טרעפפען מיר זיך מיט אלטע בעקאנטע— בילדער אונ ערצאהלונגען, ווי אויך מיט די אלט־בעקאנטע מַעֲלוֹת אונ חֶסְרוֹנוֹת פון ה׳ מ. ספעקטאר׳ס פעדער: זי בעמערקט א סך, נור זי שרייבט מעהר אלס זי בעמערקט, אונ שרייבט אין איילעניש, אבי איבער צוקוממען, אהן גראממאטיקאלישער אונ געוואהנליכער לאגיק אינ׳ם זאטץ. עס זעננען שוין לאנג־געשריעבענע זאכען, אונ ווענן ה׳ ספעקטאר האט זיי געשריעבען האט ער אויך, ווי אנדערע, געווים געמיינט, אז „יודיש" האט קיין גראממאטיק, וויל עס האט קיין געדרוקטע גראממאטיק...

„די שפראכע" ה׳ ספעקטאר׳ס איז בעסעראביש, דאך פאהרט מען אין דער יודישער וועלט סאמע פוילישען וועג...

נור פאהרט! איהר וועט קיין חֲרָטָה נישט האבען, די יודישע וועלט האט שאנע בילדער! לעזענדיג וועט איהר מוחל זיין ה׳ ספעקטאר אללע זיינע קליינע פעהלער.

צוקקערמאַנ׳ס פָאלקס־ביבליאָטהעק.

זייט געזונד.

I.

די ערשטע הילף ביז דער דאָקטאָר קומט.
בעארבייט פון ד״ר גאָטטליעב. וואַרשא תרנ״ט.

II.

סוכאָטע (שווינדזוכט).

די ערשטע זאַך דאַרף דאָס פאָלק זיין פיזיש־געזונד. דאָס, דאַכט זיך, וועלען ניט אָבלייקענען אַפילו יענע דאָקטוירים ביי אונז, וואָס ווילען דערהאַלטען ביי׳ן פאָלק נור דאָס ביסעלע רוחניות... דאַריבער פערדיענט ה׳ צוקערמאַנן אין ווארשוי דעם גרעסטען דאַנק, פיר זיין אונטערנעהמונג אַרויסצוגעבען אַ גאַנצע רייהע ביכעלעך אויס דער היגיענע, פאָפּוליאָריש בעאַרבייט פון ד״ר י. גאָטטליעב. די ערשטע צווי, וועלכע ליעגען פאַר אונז, זענען געשריעבען אין אַ לייכטער יודישער שפראַכע, וועלכע וועט זיין פערשטאַנדליך אין יעדען אָרט, וואו יודען רעדען יודיש.

אין גיכען וועלען ערשיינען נאָך ביכעליך.

מיר רעקאָמאַנדירען די ביכער יעדען, וואָס וויל ווירקליך וויסען פון דער היגיענע.

א. גאַסעלניק׳ס אויסגאַבען.

די לעטצטע צייט פערוואַרפט מען דעם יודישען פאָלק מיט ביכעלעך און בראָשיורעס; עס זענען פערנומען אללע דרוקען, די

מאַשינען דרעהען, קלאַפּען; די זעצער האָבען קיין צייט ניט די נאָז זיך אויס צו שנייצען. די צייט איז קורץ — ניט אַללע מאָל מאַכט זיך ביי יודען אַזאַ בעוועגונג, אונ די יודישע מְחַבְּרִים ווייסען, אַז ניט אַללע מאָל איז יום טוב, ניט אַללע מאָל איז אַ גאַנג אויף נאַררישקייט, אונ מען לאָזט אַרויס אַ ביכעל נאָך אַ ביכעל, אַ בלאַטעל נאָך אַ בלאָטעל, מען דרוקט מוֹדָעוֹת, מען זוכט אַגענטען אונ מען שפּאַרט דעם אָרימען לעזער ביכעלעך פון אַללע זייטען:

נאַ, לייען, קוויק זיך! מיר ווילען דיך שטאָלץ מאַכען, מיר ווילען דיר דערמאָנען דיין פערגאַנגענהייט, מיר ווילען דיך פיהרען אין אַ לאַנד, וואו עס רינגט מיללך אונ האָניג, אין אַ לאַנד, וואו אויף די בוימער וואַקסען בולקעס.

אונ דער אָרימער לעזער שלינגט איין ביכעל נאָכ'ן צווייטען אונ — — — געניצט.

ער פיהלט זיך אין קאָפּ אַ מיש־מאַש, נור ער האָט מורא אַ וואָרט צו זאָגען ענטקעגען: עס ריידען מיט איהם פאָרט דאָקטוירים אונ פּראָפעססאָרען...

אָט אין דער צייט, האָט זיך אונטערגענומען ה' אַ. גאַטעלניק אַרויס צו געבען ביכעלעך פאַר'ן פאָלק אונ ערצעהלען איהם ניט קיין באָבע־מַעֲשיות, נור וויססענשאַפטליכעס: ווי אַזוי די בוימער וואַקסען, ווי אַזוי דער מענש איז צוזאַמען געשטעלט, ווי אַזוי טהירע לעבען, וואָס אונטער דער ערד טהוט זיך, ווי אַזוי מענשען האָבען אמאָל געלעבט. א. ד. ג.

עס פערשטעהט זיך, אַז אַזוינע ביכעלעך זיינען אַללע מאָל נויטיג פאַר'ן פאָלק, אונ איבערהויפט יעצט, ווען אונזערע פערזאָרגער ווילען האָבען, אַז וויססענשאַפט איז ניט אַזוי נאָטהיג דעם פאָלק...

דערווייל האָט ה' א. גאָססעלניק אַרויס געגעבען: 1) די לעהרע פון לעבען 1־טער שיעור, 2־טער שיעור 3) אונטער דער ערד (וועגען שטיינקויהלען) 4) דער גריכישער פיליזאָף סאָקראַטעס 5) די וואונדערליכע ערפינדונגען פינ'ם ניינצעהנטען יאהר־הונדערט.

6) בילדער פֿון טהיער-לעבען און נאָך פֿיעל אַנדערע. די זעלבע אויסגאַבע פֿערשפּרעכט אַרויס צו געבען נאָך אַנדערע וויסענשאַפֿט-ליכע און בעללעטריסטישע ביכער פֿאַר'ן פֿאָלק. הלואי!

יָאסֶעלֶע

ערצאָהלונג פֿון דעם יודישען לעבען פֿון י ע ק ב ד י נ ע ז אָ ה ן
וואַרשא תר"ס.

עס טהוט אונז זעהר לייד, וואָס מיר האָבען דאָס ווערק „יאָסעלע" בעקוממען ביי'ן שליעסען אונזער בוך, און מיר האָבען קיין אָרט צו ריידען וועגען „יאָסעלען" אויספֿיהרליך. צו בע-שרייבען דעם איינדרוק וואָס עס האָט אויף אונז לעזענדיג געמאַכט, פֿאָדערט זעהר פֿיעל ווערטער...

ה' יעקב דינעזאָהן פֿערנעהמט אין אונזער ליטעראַטור ניט קיין קליינעם פּלאַטץ. נור ער פֿערנעהמט איהן שטיל, אָהן בעזונ-דערע רעקלאַמען, אָהן געפּילדער. ער בעווייזט זיך אַפילו ניט זעהר אָפֿט, ווי ער וואָלט נישט וועלען פֿאַללען צו לאַסט דעם יודישען פּובליקום, וועלכעס איז קיינמאָל נישט קיין בַּעַלן אויף רעכטע זאַכען. אָבער אַז ער קוממט שוין, ברענגט ער וואָס אַמאָל אַ שאָנערען פּרעזענט.

אין דאָס לעטצטע ווערק „יאָסעלע" צייכענט זיך אויס דער געעהרטער מְחַבֵּר, ווי אין די פֿריהערדיגע, (אויסער „הַנֶּאֱהָבִים וְהַנְּעִימִים" וועלכעס האָט זיינע בעזונדערע מַעֲלוֹת און חֶסְרוֹנוֹת) מיט טיעף בעאָבאַכטען דאָס יודישע אָרימע לעבען. אַללע בילדער און סצענען זענען ריהרענד, און אָבוואָהל עס שוועבט אויף זיי אַ לייכטער הומאָר, דאָך איז דער הומאָר אַזוי נאַטירליך, אַזוי נאַיוו, אַז עס רופֿט אַרויס טהרערען ביי יעדען פֿיהלענדען לעזער.

דער העלד פֿון דער ערצעהלונג איז „יאָסעלע", איין אָרעמ-יונגעלע פֿון 8—7 יאָהר, און דאָך פֿעראינטערעסירט ער אונז אַזוי שטאַרק, אַז מיר קאָננען זיך פֿון איהם ניט אָברייסען, וואו מיר וויסען ניט

וואָס מיט איהם וועט ווייטער געשעהן, אונ מיר פאָלגען איהם נאָך טריט ביי טריט: מיר זעהען איהם ביי'ם בייזען רֶבִּין, וועלכער איז אין כַּעַס אויף'ן גְבִירִים „בֵּן" אונ לאָזט אויס זיין בייז געמיט צו איהם, פערענטווערענדיג זיך, אַז ער האָט געמיינט טאַקי נור יענעם... אונז רייסט זיך דאַמאָלס אַרויס אַ ווילדער פראָטעסט: גַזְלָן איינער! וואָס איז ער שולדיג, אַז ער איז אָרים, אַז זיין טאַטע שפּייט מיט בלוט אונ די מוטער רייסט זיך, ווי מען זאָגט, קְרִיעָה, צו דער האַלטען דאָס געזינד!... אין אַ צייט אַרום זעהען מיר איהם שטעהענדיג אונטער אַ פענסטער פון אַ חֶדֶר אונ האָרט ווי מען לערענט; ער איז שוין אַ יָתוֹם אונ האָט אַפִילוּ קיין בייזען רֶבִּין אויך ניט... נאָך ווייטער זעהען מיר איהם אַהונגעריגען, אונ ער געהט אַריין אין איין אָרים-יודיש הויז, וואו מען גיט איהם דאָס ערשטע מאָל עפּיס עסען, דאָס צווייטע מאָל זאָגט איהם שוין די בַּעַל הַבַּיִת'טע: געה אינגעלע הייגט ערגעץ אַנדערש, איך קאָנן אַללע טאָג נישט געבען... א. ז. וו. א. ז. וו.

אונ אַז מיר ענדיגען לעזען, שטעהט לאַנג פאַר אונזערע אויגען דאָס בלייכע אינגעלע מיט צוויי גרויסע ליכטיגע אויגען, וואָס דריקען אויס עלענד, נויט אונ אַגעבעט אָהן ווערטער, צו הילף...

אויסער „יאָסעלע", איז דעם געעהרטען אויטאָר געראָטען פאָרצושטעלען „יאָסעלע'ס מוטער — אַ מוסטער פון אַ יודישער אָרימער פרוי. מיר פאָרערן נישט קיין קרעדיט מען זאָלל אונז גלויבען אויפ'ן וואָרט, אונ מיר ראַטהען אונזער לעזער אַלליין עס צו לעזען אום זעלבסט זיך צו איבערצייגען אויף ווי פיעל אונזערע בעמערקונגען זענען ריכטיג.

די יודישע געשיכטע

נאָך פּראָפעססאָר גראָעטץ.

פּראָפעססאָר גראָעטץ האָט ווירקליך אויף געבויט אַ גרויסען בִּנְין מיט זיין „געשיכטע דער יודען", זיין מיה איז אונשאָטצבאַר אונ

זיין נאָמען וועט ביי אונז אויף אייביג בלייבען; נור די מיה צו בעאַרבייטען די זעלבע געשיכטע אין יודעש-דייטש, איז אויך זעהר גרויס; נאָך גראָססער זעננען די נוטצען וואָס די איבערזעטצונג קאָנן ברענגען דער יודישער מאַססע, וועלכע ווייס נור די אַ מאָליגע נסים, אונ טראַדיציעס, וואָס מאַכען אָן נור אַ פינסטערניש אין מוח. דאָס וואָס דאָס יודישע פאָלק האָט ווירקליך איבער געלעבט אין זיין לאַנג לעבען, ווייס נישט די מאַססע אונ האָט אַפילו קיין בעגריעף נישט. אַז עס געפינט זיך שוין איינער וואָס האָט רחמנות אויפ'ן פאָלק אונ וויל איהם ערקלאָרען זיין היסטאָריע, שרייבט ער אָן אַזוי ניט לאָגיש, אַזוי אונוויסענדיג, אַז עס קומט ביי איהם אַרויס ניט די יודישע היסטאָריע, נור די נסים, וואָס האָט געטראָפען מיט יודען...

גראַטץ איז אָבער אַ גרויסער געלעהרטער געוועזען, ער האָט די יודישע געשיכטע בעאַרבייט פון פערשיעדענע היסטאָרישע קוואָללען. זיינע קאָנטענים אין פיעל שפראַכען האָבען איהם געדיענט צו דעם צוועק, וואָס ער האָט זיך פאָרגענוממען.

אונז בלייבט נור צו זאָגען, אַז די איבערזעטצונג אין יודיש דייטש איז ריין אונ לייכט געשריבען. פיעלע שווערע שטעללען אין אָריגינאַל פאָפוליאַזירט, אַז יעדער „תּהלים-יוד" אונ יעדע „צאֶינה וּראֶינה-יודענע" וועט עס פערשטעהן אונ פעראינטערעסירען זיך לעזענדיג. דער פּאַר קוממט ה' זאַקס דעם גראָסטען דאַנק אינ'ם נאָמען פון פאָלק. אונ עס וואָלט אַ יושר געוועזען צו פערשפרייטען עס צווישען פאָלק. בכלל איז אַזאַ בוך אַ שאַטץ אין יעדען יודישען הויז. דאָס בוך ענטהאַלט — שטאַרט דייטשע דריי — פיער גרויסע באַנדער.

בן-קלמן.

אַפאָריזמען, געדאַנקען און ליעדליך.

אָפט קוממט בײַ מיר אויס צו זאָגען, אַז דער שוסטער, וואָס זיצט געבויגען בײַ דער אַרבייט און קלאַפּט מיט פליים די צוועקליך, איז אַ פּאָעט. ווער ווייס וואָס ער קלערט קלאַפּענדיג? ווער ווייס וועלכע געדאַנקען, פיליזאָפישע רַעיונות עס פליהען איהם דורך אין קאָפּ, און ער קלאַפּט זיי אַריין אין דער האַרטער פּאָדעשווע... איהר לאַכט! גלויבט מיר, איך מיין עס ערנסט! און עס איז ווערט צו בעדויערען, וואָס מיר קאָננען קיין „צוועקליך־כְּתַב" נישט לעזען: ווער ווייסט וואָס אויף אַ פּאָדעשווע איז איבער געקלערט, איבער געטראַכט און איבער געזונגען?...

— „נו — שרייט אויס אַ יונגער מענש, קומענדיג אַ דערשלאָגענער פון גאס, — „אויף עסען האָב איך היינט נישט פערדיענט, אָבער אויף שלאָפען זעהר אַ סך. מען דאַרף זיך טאַקי צו לעגען"...

* *
*

צווישען טויזענד שלעכטע מענשען
מיט פערשטיינטע הערץ און זיננען
קאָנסטו איינעם נור אַ גוטען,
מיט גרויס מאַטערניש, געפינען.

נור דאָס זוכען וועט געדוירען
פיעלע טאָג און פיעלע יאָהרען;
וועסט בײ'ן לעבען איהם נישט טרעפען:
ער וועט לאַנג שוין זיין פערלאָרען...

* *
*

כ'האָב מיט איהר געשערצט געלאַכט,
קאָמפּלימענטען איהר געמאַכט;

און מיין עהרען וואָרט געגעבען,
אַז איך ליעב זי, ווי מיין לעבען.

אָח, ווי וואָלט עס איהר פערדריסען,
ווען זי וואָלט מיין לעבען וויסען...

א. רייזען.

אויספערקויפט!

(אַ שפּאַס).

מיט אַ וואַרעם־האַרץ געגאַנגען
איז ער אויף דער וועלט;
ר'איז געפאַללען, ס'האָט דער עולם
האַרץ ביי איהם בעשטעלט.

האַרץ אויף לויטען, האַרץ אויף קווינטען,
וואַרעם־האַרץ אַהער!
דאַמען קויפען פיר אַ שמייכעל,
מיידלעך פיר אַ טרער,

אונ פּאַר קליין־געלד קויפען לעזער;
מי'גראַשען אונ מי'דרייער,
אונ עס סמאַקעוועט דער עולם:
אַי, דאָס האַרץ איז טהייער,

אונ ער האָט געהאַט אַ מחיה —
ס'איז גרויס געווען ס'פערלאַנגען;
ביז ער האָט פערמאַכט דאָס קרעמעל,
ס'האַרץ איז אויסגעגאַנגען!

ל"ץ.

---

* * *

אָנפאַנגס ווענן זיי האָבען מיך אויסגעלאַכט, האָב איך זיי בעדויערט:

— זיי פערשטעהען מיך ניט, האָב איך געטראַכט. — איך האָב געפּרובט רעדען נאַררישקייטען גלייך מיט זיי, האָט מען ווייטער פון מיר אָבגעלאַכט, נאָך מעהר ווי פריהער. צום סוף ערשט בין איך געוואָהר געוואָרען די סבה פון זייער לאַכען פון מיר — זיי וועננען גליקקליך, אונ איך בין איין אָרים־אונגליקליכער מענש!

אונזער פאָלק שטעלט פאָר זיין אויסלעזער פון גלות איין „עני ורוכב על החמור". עס פערשטעהט אַפּנים, אַז אַ רייכער קאָנן די גאולה נישט ברענגען...

N.

אַ בעלהעגלה׳שע חֲקִירה.

— איהר מיינט מען דאַרף האָבען כּחַ? האָט זיך אַמאָל אַ בַּעל הָעֲגָלָה געחקרנט — ניין! כּחַ איז גאָר נישט! מען דאַרף האָבען נור שֵׂכֶל.

— לְמָשָׁל?

— לְמָשָׁל, אז דאָס פערד שטעלט זיך ביי מיר אָוועק אַרויף באַרג, פאַלל איך אויף אַ שֵׂכֶל און... שטופּ אונטער דעם וואָגען...

מ. ווילנער.

אַמאָל פלעגט מען זיך אין אַ נויט טרייסטען: עט, מיר וועלען אללע שטאַרבען; היינט טרייסט מען זיך: נישט געזאָרגט! מיר וועלען א ל ל ע לעבען...

א. ר.

פּראַקטיקע.

1) כָּ ב ו ד און פ ר ו י ע ן זעָנען צום שאָטטען גלייך: ביידע ענטלויפען, ווען מען יאָגט זיי נאָך...

2) דאָקטאָר ב ר ו י ט מ א נ ג ע ל האָט עָרקלערט, אז דער ערגסטער מאָגענ־פעהלער איז דער הונגער...

3) פּראָפעססאָר ק ו י פ מ א נ ן האָט ערפאָרשט, אז דער בעסטער בָּטוּחַ איז —— ווער עס באָרגט נים.—

יוסף קאפלאן.

הורמוז אונ אַחרימון.

לויט דעם פּערסישען גלויבען, עקזיסטירען צוויי גאָטטער: איינער הורמוז (לְהַבְדִיל אונזער יֵצֶר טוב) א גוטער גאָטט, חאָטש צו'ן א וואונד צו צולעגען. ער בעשאַפט נור — ליכט, בּאַרמהערציגקייט, פערשטאַנד אונ נאָך אַנדערע גוטע זאַכען צום מענשליכען געברויך. דער צווייטער — אַחֲרִימון, (אונזער יֵצֶר הָרַע, נישט אויסגערעדט זאָלל עס זיין!) אַ שלעכטער גאָטט, וואָס האָט ליעב פינסטערניס, ווי א מויל־וואָרף אָדער א פלעדער־מויז, איין אַכְזָר ווי א טאָרקוואָמאַדאָ אונ א גוטער פריינד פון נערנים, וואָס טאַנצען אויף הינטער־פיסליך. מיט איין וואָרט — פאַר אַזא גאָטט, זאָלל גאָטט שׁוֹמֵר וּמַצִיל זיין! איהר פערשטעהט אַלליין, אַז ווען נישט אַחֲרִימון, וואָלט די וועלט געוועזען אַ גַן־עֵדֶן: מענשען וואָלטען געלעבט, ווי ברידער פון איין צוויללינג, אונ אַפילו מאַנן אונ ווייב וואָלטען זיך קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געווינשען; מענשען וואָלטען אַרומגעלאָפען אין די גאַססען אונ געזוכט, נישט קיין געשעפטען, נישט קיין שווינדעל צו מאַכען, נור מאַקי מִצְוֹת אונ מַעֲשִׂים טובים, מען וואָלט גערופען: „ווער איז נאַקיט, וועל'מיר איהן קליידען; ווער איז הונגעריג, וועל'מיר איהן שפייזען; ווער האָט דורשט — וואַססער, ווין, קאָניאַק... וואָס איינער וויל! גאַנצע פאַססער כַּרְמֶל! אויפ'ן היידעלבערגער ביער־פאַסס וואָלט געשטאַנען אויפגעשריבען „כָּל דִכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכוֹל" פונקט, לְהַבְדִיל, ווי אין אונזער הַגָדָה. אונ די ווייבער וואָלטען נים געטראָגען אויף די קאָפּ קיין פליגעל פון עקסטרא דאַרויף געשאָססענע פייגעל! עס וואָלט נור געוועזען אַ פראַגע, צו מען מאָג שמייסען — — אין באָד!

אונ פערקעהרט, — וואָלט געוועזען נור א י י ן אַחֲרִימון וואָלט די וועלט געוועזען א גֵיהִנָם, וואָס וואָלט ארומגעשווימען ווי אַ שיף אויף א יָם פון מענשען־בלוט אונ וואָלט פערשפרייט א רֵיחַ פון געברענט,

געבראָטען און געררייבערט מענשענפלייש אין אַללע זיעבען הימלען...

און, אויב די וועלט איז נישט קיין גן עדן און נישט קיין גיהנם, אויב פון צייט צו צייט לעשען זיך אויס די אויטאָדאַפעען, עס פערשטומט דער קלאַנג פון קייטען און די אַרמאַטען בריללען נישט אָהן אויפהער; אויב נישט אַללע וועג־ווייזער אויף די טראַקטען זענען תּליות, און עס מאַכט זיך אַמאָל איין אַספה אין האַאַג, וואו מען רעדט וועגען שלום; אויב עס עקזיסטירט אין איין צייט תּפיסות און שפיטאָלער, חברות פון צער בעלי חיים און אַנטיסעמיטען, וועלט־קאָנגרעססען און שאָוויניזם, אויב די בורען שיקקען איבער די ענגלענדער אַ גראַטולאַציאָן צום נייעם יאָהר מיט אַ פודדינג (אַ מין ענגלישער קוגעל) אין אַ קאַרטאַטש, — איז עס דעריבער, ווייל הורמוז און אחרימון עקזיסטירען ביידע אין איין צייט, און איינער קליצט דעם צווייטען דאָס וואַססער און שפייט איהם אין דער קאַשע אריין.

דאָס אַלץ וויים איך, נישט אַזוי פון אַלטע פּערסישע ביכער אין פערשיעדענע איבערזעצונגען, ווי פון מיינם אַ בעקאַנטענם טויל, פון איין אַלטען פּערסער, וואָס וואָהנט ווי־זאָ־ווי אין איין הויז מיט מיר, מיט וועלכען איך האָב מיך צופעליג בעקאַנט און מיר האַלטען זיך פון דעמאָלט אָן צוזאַממען, ווי צוויי לאַנג־נאָזיגע, וואָס קאָנגען גלייך נישט ליידען, ווי הינד ביללען... און מיר פּלוידערן גאַנץ אָפט...

ווען איך טרעף מיך מיט'ן פּערס, בעגריסען מיר זיך גאַנץ הערצליך.

— וואָס מאַכט אייער אַלטער? פראַגט ער מיט אַ שמייכעל, און איך אָנטוואָרט מיט אראָבגעלאָזטע אויגען:

— דערווייל, שטיללע! און הורמוז וואָס מאַכט?

— ער וועט אויספיהרען!, — איז זיכער דער פּערס, — ער מוז אויספיהרען! און דער אַלטער אָפטימיסט שנייצט זיך הויך און מיט אַ זיכערקייט די נאָז, און ווישט זיך איבער דאָס גאַנצע פּנים מיט אַ רויט פולאַרען טוך, וואָס וואָלט געקענט געוועזען הורמוזען

פאַר אַ פאָהן.

איינמאָל דאָך איז ער נישט אַזוי זיכער געוועזען.

— וועה ווייס, — זאָגט ער, — וועה ווייס! אַחרימון איז חיטרע, זעהר חיטרע! פּפיפיג, ווי עס קאָנן נור זיין!... כָּל זְמַן אַחרימון האָט געפיהרט איין אָפּפענען קריעג מיט הורמוזען, בין איך זיכער געוועזען, אַז עס מוסס קוממען אַמאָל הורמוזעס איינביג־לאַנגער טאָג, נאָך וועלכען עס וועט קיין נאַכט שוין מעהר נישט זיין! איך האָב אָבער בעמערקט — — —

— וואָס האָסט דו בעמערקט?

מיר זעצען זיך אויף אַ באַנק, (עס איז זוממער אונ אין אַ גאַרטען געוועזען) אונ דער אַלטער פערם זיפצט.

— איך האָב בעמערקט, — זאָגט ער —, אַז אַחרימון האָט זיין טאַקטיק פערטווישט אונ איז ווירקליך שוין געפאָהרליך געוואָרען... ער שווינדעלט! ער פערשטעלט זיך! ער מאַכט זיך פאַר הורמוזען אונטערטהאָניג, האָניג גיעסט זיך איהם פון מויל, אונ נאַרט איהן אָב פון קאָפף ביז פיס... הורמוז, דער גוטער, לאָסט זיך גענאַרען...

— איז עס מאָגליך?

— האָר, — מאַכט דער פערם, — איך וויל דיר אַ פּאָר ביישפיעלען געבען פון זיין טאַקטיק: אָט, לְמָשָׁל, פערציייטענס, אַז הורמוס האָט געוואָלט דער וועלט אַ גרויס פערגעניגען מאַכען, איין איבעררא־שונג, אונ בעשאַפפען אַ וועלטען שאָנע פרוי, פלעגט קוממען אַחרימון אונ, לְהַכְעִיס, אָנריהרען זי מיט דער אומריינער האַנד ביי'ם שטערן, ביי'ן אַ באַקק, אונ גענוג; — דער שאָנהייט וואַקסט שוין דערפון אַרויס אַ האָרן, אַ קראָץ... נור וואָס העלפט עס איהם? הורמוז דערזעהט עס באַלד, שיקט אַ שטראַהל פון זיין גענאָד, דער האָרן פאַלט אַראָב, דער קראָץ פערטהיילט זיך, אונ די שאָנהייט ווערט נאָך שאָנער, נאָך ערהאַבענער... היינט טהוט ער אַנדערש; ער טהוט, גלייך ער איז צופריעדען אונ גליקליך מיט אַללעם, וואָס הורמוז טהוט! ער חאַפּט אויף זיך אַ פראַק אונ

אַ צילעֶנדער, בעווייזט זיך פֿאַר דעֶר פֿרוי אונ זאָגט מיט אַ זיססען שמייכעל: מאַדאַם (אָדער פֿריילין) איך גראַטולירע אייך מיט מיין העֶרר הורמוזעס גענאָד! איהר זייט עס ווערט... די גאַנצע שטעֶרבליכע וועֶלט דאַרף קניען פֿאַר אייער אונשטאֶרבליכער שאֶנקייט! אונ שוין! פֿון דעֶר שאֶנהייט ווערט אַ קאָקעֶטטע, אַ קאַלטע העֶרצפֿרעֶססעֶרין...

הורמוז, לְמָשָׁל, חאַפּט זיך אַמאָל אויף אונ דערזעהט, ווי איין אָרימאַן אַרבייט שוועֶר אונ האָט קיין פַּרְנָסָה נישט. אַ גוט הארץ האָט עֶר, געלד אין אוצָר פֿעהלט נישט, חאַפּט עֶר עֶטליכע קאָפּיקעֶס אין אַ זעֶקקיל אונ וואַרפֿט אַראָב דעם אָרימאַן... פֿריהער פֿלעֶגט אַחרימון שיקקען גַזְלָנִים אָדער גַנָבִים, אָדער אַ שְׂרֵפָה, אוועֶק צו נעֶמען דעם גוטען גאָטטס מַתָּנָה ביי'ם אָרימאַן. עֶס האָט אָבער נישט געווירקט; הורמוז הייבט אָן געבען אונ געבען, אונ וויל עֶר, שטעֶלט עֶר גאָר דאָס מַזָל ביי'ם אָרימאַנס טהיר, אונ דעֶר ווערד רייך אונ גליקליך! היינט טהוט אַחרימון אנדעֶר'ש. הורמוז האָט געגעֶבען איין אָרימאַן עֶטליכע קאָפּיקעס, זעהר גוט! עֶר קריעגט זיך נישט מיט'ן אָלטערן ברודער! פֿערקעהרט. עֶר לעֶרנט זיך נאָך אָב פֿון איהם, עֶר וויל אויך אַ גוטער ווערען! אונ עֶר וואַרפֿט צו דעם אָרימאַן נאָך אַ פּעֶקיל — אונ סאַמע גאָלדעֶנע ראָנדליך! פֿון אָרימאַן ווערט אַ גְבִיר, דעֶר זאַקק מיט גאָלד וואַקסט, אונ, וואָס מעהר עֶר וואַקסט, מעֶהר מאַנגעס ווערט עֶר, מעֶהר ציהט עֶר צו זיך צו! אונ דעֶר געמאַכטער גְבִיר צווישען סאַמע אָרימע לייט, קאָנן נישט זיין גליקליך! עֶר קאָנן אַפִילו נישט רוהיג שלאָפֿען... די אָרימע לייט אַרום שלאָפֿען אַוַדַאי נישט!...

הורמוז וויל עֶמיצען געֶבען אַ גוטע זאַך, לְמָשָׁל — גְבוּרָה, אַ האַרץ פֿון אַ לייב! — אַזוינער קומט צו נוץ יעֶדעם פֿאָלק, יעֶדער צייט! — פֿערצייטענס פֿלעֶגט הורמוז וועֶללען אַזוינעס אומ־ברעֶנגען, קוילען; עֶר פֿלעֶגט איהם אָנשיקקען גאַנצע מַחֲנוֹת מיט רוחות אונ שֵׁדִים, זיי זאָללען איהן חאַפּען אונ עֶס זאָלל פֿון א״הם קיין זֵכֶר נישט בלייבען, נור הורמוז פֿלעֶגט נישט לאָזען; געגען

די מַחֲנוֹת פֿון שֵׁדִים און רוחות שיקט ער מַחֲנוֹת מַלְאָכִים; זיי פֿער־יאָגען די שֵׁדִים מיט די רוחות צוריק אין גֵיהִנֹם אַריין און דער העלד בלייבט העלד. היינט פֿיהרט זיך אחרימון אַנדערש — הורמוז ניט גְבוּרָה, ער דערלעגט נאָך אַ ביסעל און פֿון אונזער בעשענקטען פֿון הורמוס ווערט איין אַוואַנטורניק, אַ פֶּרֶא־אָדָם, ווייל עס שפּאַרט איהן די קראַפֿט, דער איבערגעשפּאַנטער כֹּחַ, און אויפֿ'ן אָרט פֿון נוצען, ברענגט ער דען גראָסטען שאָדען!...

די זונן געהט אונטער און דאָס איז די האָכסטע צייט אַ היים צו געהן פֿאַר'ן פֿערס; ער געזעגענט זיך:

— נאָך דאָס — זאָגט ער, אויפֿשטעהענדיג, וויל איך דיר זאָגען: אַ מענש דאַרף עססען, הֲנָאָה האָבען פֿון עססען, בעשאַפֿט איהם הורמוז אַ דאַרם — אַ קישקע; מען דאַרף זי נייטיג האָבען, אָהן איהר איז נישט צו לעבען! וואָס טהוט אחרימון? ער וועט דאָך ביין אַ מענש די קישקע נישט אויסשניידען — גיט ער צו אַ בלינדע קישקע, נאָך אַשטיקעל! און דאָס שטיקעל איז שוין אַ געפֿאָהרליכע זאַך, דערפֿון קראַנקט מען שוין!

. . . .

דער פֿערס איז אַוועקגעגאַנגען, און איך האָב געקלערט: צי איז ער נישט גערעכט? הורמוז אָדער דער יֵצֶר טוֹב גיט אונז אַריין אַ געפֿיהל צו ליעבען אונזערע נאָהנטע, אונזער פֿאָלק, אונזער אָרים פֿאָלק, פֿאַר וועלכען מיר וויללען אַרבייטען און אָפּפֿערן זיך; וואָס טהוט אחרימון אָדער דער יֵצֶר הָרָע? ער דערלעגט נאָך אַ ביסל געפֿיהל, עס ווערט פֿון נאַציאָנאַליזם — שאָוויניזם, פֿון רייכען געפֿיהל איין עקעלהאַפֿטער שאַרלאַטאַנען־פֿאַנאַטיזם, וואָס וואַרימט נישט און לייכט נישט, נור ברענט אין דער פֿינסטער און קאָנן אונז אַליין פֿערברענגען!...

איין אָרים פֿערוואָגעלטער נָע־וָנָד'ניק זוכט זיך אַ דאַך איבערן קאָפּף, אַ רוהיג שטיקעל אָרט, וואו זיך אַנידער צו לעגען, וואו די ביינער אוים צו רוהען, אום אויפֿצושטעהען מיט אַללע גלייך, צו דער גייער אַרבייט, אַללע פֿאַר אַללע!... דען געדאַנק האָט איהם

איינגעפלאַסט הורמוז... וואָס טהוט אחרימון? ער מאַכט פֿון דאַך, פֿון רוהע־בעט, איין אייביגען, הויכען צוועק, אאידעאל אונ מיר...

מיר האָבען זיך צוריק גערוקט אויף אַ הונדערט אונ צוואַנציג יאָהר!

אונ עס איז ווירקליך אַ שאַד די צייט!

ד"ר שטיצער.

* * *

ווענן איך זעה׳ די בוימער בליהען
אונ די פֿייגעל שוועבען, פֿליהען;
ווענן פֿון הימעל, ווי אַ כלה
שמייכעלט ליעב די זונן פֿיר אללע, —
פֿראַג איך טרויריג, פֿולל מיט קוממער:
וואָס בעדייט עס? איז דען זוממער?...

ווענן פֿערדאַרט איז בוים אונ צווייגעל,
פֿייגעל זעה איך נור אין שטייגעל;
ווענן די זונן ווערט גאַנץ פֿערשווינדען,
אונ עס הײלען בייזע ווינדען,
פֿראַג איך ניט וואָס זאָלל׳ס בעדייטען:
כ׳ווייס די צייטען, כ׳קאַנן די צייטען!...

א. רייזען.

אַ וואָרט וועגען היינעס יובילאַום.

ענדע נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט איז אַריבער הונדערט יאָהר, זייט עס איז געבאָרען געוואָרען איינער פֿון די ערשטע דייטשע פּאָעטען און, אפשר, ניט נור פֿון די דייטשען אַליין, נור אויך פֿון אַנדערע ציוויליזירטע פֿעלקער.

אין אויסלאַנד ווייסט מען, ווי צו שאַטצען די אויסגעצייכענטע שרייבער, — און ווי וואונדערליך זעהט עס אויס, אַז דער גרויסער פּאָעט היינע וואָס, איז געבאָרען געוואָרען מיט הונדערט יאָהר צוריק, און מעהר ווי פֿיערציג יאָהר זיינען שוין פֿערגאַנגען, זייט ער איז געשטאָרבען, האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט דערוואַרט אויף עפּיס איין אָרענטליכען אַנדענקען פֿון זיינע לאַנדסלייט.

וואו שטעקט די אורזאַך פֿון אַזאַ וועלטענער ערשיינונג? אין וואָס און מיט וואָס האָט זיך היינע פֿערשולדיגט?

די אורזאַכע איז גאַנץ איינפֿאַך; דער פּאָעט האָט צופֿיעל געלאַכט!

זיינע סאָלידע לאַנדסלייט, די דייטשען, האָבען זיך געהאַלטען פֿאַר די ערשטע און בעסטע נאַציאָן אויף דער וועלט, זיי האָבען שטרענג אָבגעהיט אַללע אויסערליכע האָפֿליכקייטען, ביי זיי איז אַלץ צוגעגאַנגען אָרטיג, דרך־ארץ־דיג און פּינקטליך, און דאָס האָט ביי זיי געהייסען בילדונג, זיטטליכקייט, פֿרומקייט, א. ד. ג.

פּלוצים האָט זיך געלאָזט הערען אַ גיפֿטיג הילכענדיג געלעכטער! דער אונבאַרעמהאַרציגער און ניט קיינעם שוינענדער פּאָעט האָט זיינע סאָלידע לאַנדסלייט געלאַכט אין פּנים אַריין. ער האָט זיי בעוויזען, אַז אונטער דער מאַסקע פֿון אָרדענטליכע אויפֿפֿיהרונגען ליגען פֿערדאָרבענע זיטטען בעהאַלטען, און אונטער דער פֿרוממער

דעקע ליעגט פאַלשקייט אונ חֲנִיפָה; אז זייער ערנסטקייט, פּינקטליכ־קייט בעוויזט נור, ווי זיי שטעהען אויף איין אָרט אין דער ווירקליכער ציוויליזאציאָן, בעוויזט נור ווי קליינקאָפּעלדיג זיי זענען.

נור וואָלט דער פּאָעט האָטש בלויז געלאַכט! ער האָט אָבער געזונגען וואונדערליכע מעלאָדישע ליעדער! אזוינע וואונדערליכע, אזוינע מעלאָדישע — צום וויינען, צום הערצאויסגיעסען, אונ פּלוצלינג רייסט זיך אָב דאָס ריהרענדע ליעד אונ עס רייסט זיך ארויס א באָזער געשפּאָט, א געלאָכטער, וואָס שמייסט, ווי מיט ריטער! עס איז זיך נישט צום פערהיטען!

היינע האָט בעזונגען די נימפע לארעליי, וואָס זיצט אויף א ראָפּף אין דער מיטט פון רהיין, אונ רופט אונ ציהט צו מיט איהר צויבער־ליעד די וואנדערער אונ זיי זענען, נישט קוקענדיג אויף דער געפאהר, געגאנגען, אונ געפונענען זייער קֶבֶר אין די שוימענ־דיגע פאליעס פון רהיין, צעהאַקט זיך די קאָפּף אָן זיינע פעלזען... היינע זעלבסט איז געוועזען אזא לאָרעליי פיר זיינע לאַנדסלייט, די דייטשען, וועלכע עס פלעגט צוציהען זיין זיס־צויבער־ליעד אונ צעשמעטערן זיין געשפּאָט...

היינע האָט אונאויפהערליך געקאָמפּפט פאר'ן הומאניזם, פאַר'ן ריינסטען, טיעפסטען מענשליכען געפיהל; ער האָט שטענדיג געשטרעבט צו גוטען, צו ברידערשאַפט, צו ליבט אונ צו גליק פאר דער גאנצער מענשהייט.

אונ קאָמפּפען איז איהם דאנן אויסגעקומטען קענען די פינסטערע אבערגלויבישע, זאטטע בַּעֲלֵי בָּתִּים (בורשוואזיע) וואָס דאָס אַלץ האָט זיי דעמעלט נישט געשמעקט אונ עס שמעקט נאָך ניט ביז היינט!

אויסער דעם איז ער געוועזען א יוד!

אונ דאך וואקסט די צאָהל פון זיינע פערעהרער, וואָס ווייסען זיין ווערט, פון טאָג צו טאָג. אונ די האָבען דען 13־טען דעצעמבער 1899 געפייערט מיט גרויס פאראד זיין הונדערטיאָהריגען יובילאָאום.

היינע איז געבוירען אין 19־טען יאהרהונדערט, ער געהערט אָבער צום צוואַנציגסטען יאהרהונדערט, ער וועט אויך געהערען צו די קוממענדע יאהרהונדערטע, און די מענשהייט וועט אייביג מיט איהם שטאָלצירען!...

מ. ווילנער

* * *

(נאָך היינע)

איז דיין פערמאָגען גרויס,
מיין ליעבער רייכער העיר,
וועט ווערען שוין ביי דיר
דאָס געלד אַלץ מעהר און מעהר...

איז קליין דיין קאַפּיטאַל,
פערהאָסטער אָרימאַן,
פערליערען וועסטו אויך,
וואָס ס'איז ביי דיר פערהאַנען...

און האָסטו גאָר נישט, לומפּ,
דאַנן מאָגסטו זיך בעגראָבען;
צו לעבען האָבען רעכט
נור די, וואָס עפּיס האָבען...

יוסף קאַפּלאַן.

פערלאג „פראגרעס“ ווארשא

אלע ווערק פון דעם בעליעבסטען פאלקס־דיכטער

אברהם רייזען.

אין צוויי גרויסע בענדער פראכטפאהל שעהן געדרוקט אויף גוט פאפיער לויט די לעצטע מאָדערנע אויספיהרונג וואס ביז יעצט איז נאך אין יודיש אזוי שעהן ניט געדרוקט געוואָרען, מיט דעם בילד פון דעם דיכטער.

ערשטער באנד:

ערצעהלונגען, בילדער, סקיצען, הומארעסקעס, און דראמעס פון דעם אלגעמיינעם לעבען.

צווייטער באנד:

פאעזיע.

ביידע בענדער ענטהאלטען ערך 800 זייטען.

פרייז פיר יעדען באנד 1 רובל 25 קאפ׳.

געבונדען אין פראכט באנד צו 40 קאפ׳ פיר א באנד.

מיט בעשטעלונגען ויך ווענדען:

Книгоиздательство „ПРОГРЕССЪ“

Я. ЛИДСКІЙ, Варшава, Налевки 36. (Телефонъ 61-68).

די איבעריגע ווערק פון א. רייזען, ווערט איבערגעגעבן צום דרוק. בײַם ערשײַנען וועט מען אין בעזאָנדערע אַנאָנסען בעקאנטמאכען.

פערלאג: „פראגרעסס" ווארשא

די נייעסטע ווערק

פון דעם בעליעבסטען און פאפולערסטען שריפט-שטעלער

שלום עליכם.

אין די ווערק קומען אריין די בעסטע און נייעסטע ערצעהלונגען, פעליטאנען, הומארעסטקעס און דראמעס וואס ער האט פיר די לעצטע צייט געשריעבען אין פערשיעדענע זשורנאלען אויך וועלכע זענען נאך אין איירא פא נים בעקאנט.

צו די שריפטען ווערט צוגעלייגט דאס נייעסטע בילד פון אוטאר.

פראכט אויסגאבע און איללוסטרירט.

Книгоиздательство „ПРОГРЕССЪ"

Я. ЛИДСКІЙ, Варшава, Налевки 36. (Телефонъ 61-63.)

אין פערלאג „פראגרעס“ איז ערשיענען פאלגענדע
יודישע לעהר ביכער:

די מוטער שפראך

א מעטאָדע צו לערנען לעזען און שרייבען יודיש.

מיט גראמאטיקאלישע כללים און איללוסטראציעס אין טעקסט.

בייגעלעגט אלע העבראישע ווערטער, וואס געהען אריין אין דער יודישער שפראך.

צוזאמענגעשטעלט פון ז. און א. רייזען.

פרייז 35 קאפ׳.

יודישע חרעסטאָמאַטיע

א לעזע-בוך פאר שוהל און הויז.

געזאמעלט פון די בעסטע ליטעראַרישע און וויסענשאפטליכע קוועלען נאך די נייעסטע מעטאָדעס מיט צייכנונגען און איללוס-טראציעס.

דורך אברהם רייזען.

פרייז קאפ׳.

א פאָלשטענדיגע יודישע גראַמאַטיק

(עטימאלאָגיע און סינטאַקסיס).

פערפאסט פון זלמן רייזען.

פרייז קאפ׳.

מיט בעשטעלונגען לויט אדרעסע:

Книгоиздательство „ПРОГРЕССЪ“
Л. ЛИДСКІЙ, Варшава, Налевки 36. (Телефонъ 61-63.)

אַנ׳אוֹצר פון קלאַסישע ליטעראַטור.

אלע 5 באַנדער פון

„הויז פריינד".

רעדאַגירט פון מ. ספּעקטאָר.

פון דעם „הויז פריינד" איז שוין לאַנג ניט געווען צו בעקומען אלע בענדער, און פיר די ערשטע צוויי בענדער אליין האט מען געצאָהלט 5 רובל. יעצט האט די פערלאַג „פּראָגרעס" איבערגעדרוקט די בעסטע ליטעראַטור פון אלע 5 בענדער; עס ענטהאַלט אומגעפעהר 1500 זייטען אויף שעהן פּאַפּיער.

אין דעם אוצר פון די קלאַסישע ליטעראַטור „הויז פריינד" קומט אריין היסטאָרישע און וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען, רייזעבעשרייבונגען, ערצעהלונגען פון דער נאַטור געשיכטע, ידיעות וואס יעדער מענש דאַרף וויסען, לעבענס-בעשרייבונג פון גרויסע לייטע, נייע ערפינדונגען, אנטדעקונגען, שעהנע מעשיות, גלייכע ווערטליך, שכל'דיגע רייד פון גרויסע לייט, ערצעהלונגען, ראָמאַנען, פּאָעזי פון פאַלגענדע ליטעראַטען און דיכטער:

אבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים); איזאַבעללא; אייזענשטאַדט; אמת; בערנשטיין; ברוידעס ר.; גאָלדפאַדען; גאָרדאָן י. ל.; גאָרדאָן מ.; גוידא; דאָליצקי; דאמארעצקי; דינעזאָהן; דרוקער; האַלבערג; האָפּמאַן; ווייסבערג; וועבער; זאַמאָשטיין; זוססמאַנאָוויטש; זייפערט; זאַטילאָווסקי; זאַגאָראָדסקי: יאַנאַטזאָהן; יהואש; כהן; לילענבלום; ליטינסקי; לערנער; סמאָלענסקי פ.; ספּעקטאָר; עטינגער; פּינסקי; פרוג; פּרץ; פרישמאַן; פריעדבערג; פרענק; פריעד; צווייפעל; צונזער; ציטראָן; קייזער; ראַבינאָוויטש; רבי קצין; ריזבערג; שלום-עליכם; שר של ים און נאָך אַנדערע שרייבער.

אום אלע זאָלען קענען פערשאַפען דעם אוצר פון קלאַסישע ליטעראַטור האָבען מיר געשטעלט דעם פּרייז פיר דאָס גאַנצע ווערק 2 רובל, מיט פּאָרטא 2.50. געבונדען אין 2 פּראַכט-בענדער נאָך 1 רובל.

Я. ЛИДСКІЙ, Варшава, Налевки 36. (Телефонъ 61-63.)